בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק"ב

יו"ל: ג' סיון ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

"הוּא הַמְגַלֶּה הַיִּרְאָה וְהָאַהֲבָה"

די הבטחה פון דעם חוזה

נישט פסל'ען דעם אויבערשטנ'ס תפילין

מיט וואספארא מח ביסטו געקומען?!

זיי רעדן נאר תמיד פון 'שטארבן'...

דער מענטש איז נישט מוותר אויפן עונש

זיי נישט קיין עלעפאנט...

א לבוש פון רצונות

"דער ערשטער איז שענער - דער אנדערער איז אמת'ער"

עס איז שוין נישט דאס קאפל...

"דאנקען גאט וואס איך בין ריין פון 'חן של שקר'"

די אהבה צווישן אונזערע לייט

מיט דעם כח פון זיך האלטן צוזאמען

ווען נאַר איך אפ?!

"אַחֲרֵי הַדְּבָרִים 'וְהָאֱמֶת' הָאֵלֶּה"

'מבכורות' - פון דאס ערשטע [גע]צייט[יגטע]...

גיי אנטקעגן מיט אלע דיינע כוחות


ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

#2.1.2.1.1 ואח"כ 120#



מכון טעם זקנים

שיחות של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

(ארה"ק: 072-257-3456)



©

כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15

יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

בס"ד

# פרשת חיי שרה

**שנת תשל"ז**

(טייפ מס' 209#)

## "הוּא הַמְגַלֶּה הַיִּרְאָה וְהָאַהֲבָה"

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' י"ז[א]:) **דער רבי זאגט דא אזוי: "כִּי יִרְאָה וְאַהֲבָה אִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל, כִּי אִם עַל יְדֵי צַדִּיקֵי הַדּוֹר, כִּי הַצַּדִּיק הַדּוֹר הוּא הַמְגַלֶּה הַיִּרְאָה וְהָאַהֲבָה". דער רבי וועט זאגן ווייטער[ב] וואס מיינט מען "אויפדעקן" - פשוט מורא האבן פארן אויבערשטן און ליב האבן דעם אויבערשטן.**

**פארוואס האב איך נישט די אהבה צום אויבערשטן? ווייל איך האב אנדערע אהבות; אז עס איז דא אנדערע אהבות קען מען נישט האבן די ריינע אהבה צום אויבערשטן, ווייל איך האב ליב אנדערע זאכן אויך.**

**אזוי גלייכן איז אין יראה; פארוואס האבן איך נישט די יראה פארן אויבערשטן? ווייל עס איז דא יראות חיצוניות, עס איז דא אנדערע יראות! אז דער מענטש ליגט אין אנדערע יראות קען ער נישט האבן די יראה פארן אויבערשטן! עס איז א מידה פון יראה, א מידה פון מורא האבן; אז איך האב מורא פאר אנדערע זאכן אויך, כאטש איך האב פארן אויבערשטן אויך מורא, אבער די יראה וואס דארף זיין קען**

---

[א] השייכת לפרשת השבוע כדלהלן.

[ב] עיין שם סוף אות א' וזל"ש: **וְזֶה בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת הָאַהֲבָה**, כִּי מִתְּחִלָּה, בְּעֵת הִתְגַּלּוּת הַהִתְפָּאֲרוּת, נָפַל פַּחְדּוֹ וְיִרְאָתוֹ עַל כֻּלָּם; וְאַחַר כָּךְ, כְּשֶׁרוֹאִים רְצוֹן הַמֶּלֶךְ וְקִרְבָתוֹ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, עַל יְדֵי זֶה מִתְקָרְבִים אֵלָיו וְאוֹהֲבִים אוֹתוֹ.

שוין נישט זיין! א ריינע יראה, א 'יראה ברה' פארן אויבערשטן אליין, דאס קען נאר זיין אז דער מענטש דערוויטערט זיך ער זאל נישט האבן קיין שום יראה נאר פארן אויבערשטן אליין!

'מורא האבן פאר תלמידי חכמים' דאס איז דאך אויך פארן אויבערשטן - "לרבות תלמידי חכמים"[ג]. פארוואס האב איך מורא פארן תלמיד חכם? ווייל דער תלמיד חכם איז אדוק אין השם יתברך, הייסט דאס אויך 'יראת השם', "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד"[ד].

דער צדיק הדור ער דעקט אויף די יראה, ער דעקט אויף די אהבה. ער גיט ארויס פארן אויבערשטן אזא מין ריינע יראה, אזא מין ריינע אהבה, דערפאר קען מען קומען צו יראה און אהבה נאר דורך די צדיקי הדור.

## די הבטחה פון דעם חוזה

רעדט דער רבי ארום דא באריכות אז דער צדיק זוכט תמיד אפ די רצונות פון השי"ת. ווייל אין יעדע זאך וואס דער אויבערשטער האט באשאפן אין זיינע נבראים - דומם צומח חי מדבר - איז אלץ דא א רצון, דער אויבערשטער האט געוואלט די זאך זאל זיין אזוי: א לייב איז שטארק, און דאס (- א יתוש קטן) איז אזוי פיל שוואך, דער איבר אזוי, און דער איבר אזוי - יעדע זאך האט א רצון וואס דער אויבערשטער האט געוואלט אז די זאך זאל זיין אזוי, עס ליגט דארט דער רצון השי"ת.

זאגט דער רבי ווייטער, פארוואס האט דער אויבערשטער געוואלט אז די זאך זאל זיין 'אזוי' און די זאך 'אזוי'? וויבאלד אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט האט ער געזעהן פריער אז ער וועט האבן א התפארות פון אידן, אידן וועלן אים דינען, איז צוליב די התפארות פון די אידן דערפאר האט ער באשאפן די וועלט

---

[ג] פסחים כב:

[ד] תהלים טו, ד.

'בכלל'. דער רבי זאגט: עס איז דא א התפארות 'בכלל', וואס דערפאר וואס דער אויבערשטער באריממט זיך מיט כלל ישראל, האט ער באשאפן די וועלט ('בכלל').

און עס איז דא א התפארות 'בפרט', וואס דער אויבערשטער באריממט זיך מיט יעדן אידן באזונדער, דאס הייסט 'בפרט'.

און עס איז דא א התפארות 'בפרטי פרטיות' וואס דער אויבערשטער באריממט זיך מיט יעדן איבר פון א אידן! אז א איד אין דער וועלט היט אפ די אויגן, ער האט ריינע אויגן, באריממט זיך דער אויבערשטער למעלה: 'איך האב א איד אין דער וועלט און ער האט ריינע אויגן!' דער אויבערשטער האט א נחת רוח, דאס איז א התפארות בפרטי פרטיות, ער האט א ריינעם מויל, ער האט א ריינעם מח. דער רבי זאגט דא, יעדעס איבר דארף ארויסגעבן א התפארות פארן אויבערשטן - יעדעס איבר וואס א מענטש האט אין זיך!

(קומט אויס), די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן צוליב א התפארות 'בכלל' וואס דער אויבערשטער האט התפארות פון אלע אידן וואס דערפאר האט ער באשאפן די גאנצע וועלט. און צוליב די התפארות 'בפרטיות' וואס ער האט א התפארות פון יעדן אידן (האט ער באשאפן די פרטי הבריאה). און צוליב די התפארות 'בפרטי פרטיות' (פון יעדן אידן, האט ער באשאפן די פרטי פרטיות פון דער בריאה).

קומט אויס, יעדער מענטש אז ער וויל טוהן עפעס א זאך דארף ער זעהן צו דער אויבערשטער וועט האבן א התפארות פון דער זאך צו נישט. אז איך וויל טוהן א זאך איצטער, איך וויל רעדן, איך וויל קוקן, איך וויל טראכטן, איך וויל טוהן, דארף איך זיך מיישב זיין, 'דער אויבערשטער וועט האבן התפארות אז איך וועל טוהן די זאך? דער אויבערשטער וועט האבן פון מיר עפעס נחת רוח?!'.

**עס שטייט טאקע[ה], דער חוזה האט געזאגט: "איך האב דעם אויבערשטן צוגעזאגט איך וועל קיין שום זאך נישט טוהן סיידן עס זאל זיין א נחת רוח פארן אויבערשטן!".**

**אוודאי, דער חוזה - א קלייניקייט?! אבער מען רעדט דאך וואס א מענטש דארף בעטן, וואס א מענטש דארף וועלן! א מענטש דארף זיך ציען צו דער זאך, אז דער אויבערשטער בארימט זיך דארטן מיט מיר - דער אויבערשטער וויל זיך בארימען מיט יעדעם איבר מיינער 'בכלל ובפרט', אז איך טוה א זאך דארף איך טראכטן: 'דער אויבערשטער וועט זיך בארימען מיט מיר? דער אויבערשטער וועט האבן א התפארות פון מיר אז איך וועל טוהן די זאך?!'[ו].**

**דאס הייסט א מין 'ריח ניחוח לה'', דאס איז א 'ריח ניחוח', איך וועל דעם אויבערשטן טוהן א נחת רוח; עס גלוסט מיר צו רעדן - 'וועט דער אויבערשטער האבן א נחת רוח אז איך וועל רעדן? ער וועט האבן א התפארות פון מיר אז איך וועל רעדן די דיבורים?!'[ז].**

---

[ה] עיין ספה"ק דברי יחזקאל פר' קדושים (ליקוטים כתי"ק): וסיפר מעשה שהיה לרבינו הק' מלובלין נסיון גדול בילדותו ועמד בנסיון ואמר עליו רבינו הק' מליזענסק: '**ברוך הבא יוסף הצדיק!**' גם אמר שבשעת הנסיון פחז עליו יצרו שהיה אז בסכנת נפשות וברח לחוץ והקור היה סכנת מות ואמר רבינו הק' זי"ע הנ"ל **הלא זה כמה קבלתי על עצמי שמה שאינו יודע בבירור אם הוא רצון הבורא ית' לא אעשה** וברח לחוץ והקור היה גדול עד שריחם עליו בל עגלה אחד והרגיש בעצמו הקדושה, עכ"ל. גם עיין בספה"ק פרי צדיק פר' וישב - אות י"ב: על פי מה שסיפרו מרבינו הקדוש מלובלין זצוק"ל שניצול מנסיון אף שנדמה לו כהיתר על פי פיתוי היצר הרע רק שנזכר **שגדר בעדו שלא יעשה דבר רשות שלא יוצמח כבוד שמים ממעשה זו** ועל ידי כן פירש. עיין תוכן הסיפור בספר עשר אורות בערכו אות כ"ג.

[ו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ב: וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה, שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְלִבְלִי לְהַשְׁגִּיחַ כְּלָל עַל כְּבוֹד עַצְמוֹ. **רַק אִם יֵשׁ בָּזֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲשֶׂה, וְאִם לָאו לָאו, וַאֲזַי בְּוַדַּאי לֹא יִכָּשֵׁל לְעוֹלָם.**

[ז] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ד, אות ב': **וְזֶה עִקַּר עֲבוֹדַת הָאָדָם כָּל יְמֵי חַיָּיו** שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹנוֹ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּבַטֵּל כָּל הָרְצוֹנוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ לְשׁוּם דְּבַר תַּאֲוָה אוֹ מִדָּה, שֶׁיְּבַטֵּל הַכֹּל מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ וִיקַשֵּׁר כָּל הָרְצוֹנוֹת לַה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּכַוֵּן בְּכָל דָּבָר לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ. וִישַׁבֵּר כָּל תַּאֲווֹתָיו וְכָל רְצוֹנוֹתָיו הַכֹּל מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ. **וְכָל דָּבָר שֶׁיָּבוֹא לְיָדוֹ אִם יִהְיֶה בּוֹ רְצוֹן ה' יִתְבָּרַךְ יַעֲשֶׂה וְאִם לָאו לָאו.**

# נישט פסל'ען דעם אויבערשטנ'ס תפילין

זאגט דער רבי, דאס איז די תפילין פון דער אויבערשטן. אין די תפילין פון דעם אויבערשטן שטייט[ח]: "וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ"[ט]; דער אויבערשטער בארימט זיך מיט די אידן, דאס איז די תפילין של השי"ת. קומט אויס, די תפילין פון דעם אויבערשטן איז דאס וואס דער אויבערשטער בארימט זיך מיט אונז. איז חלילה אז מען טוהט נישט דעם רצון פונעם אויבערשטן מאכט מען דאך א פגם אין די תפילין, אין די תפילין שטייט דאך אז דער אויבערשטער בארימט זיך מיט אונז, דאס איז דאך דעם אויבערשטנ'ס תפילין.

אונזערע תפילין איז - מיר בארימען זיך מיטן אויבערשטן[י]: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד" - מיר בארימען זיך מיטן אויבערשטן. און די תפילין 'דמארי עלמא' איז וואס ער בארימט זיך מיט אונז - "ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ".

**מען דערציילט פון ר' יצחק בער[יא] (מטעפליק), האט ער אזוי געזאגט: "יעדער איינער דארף וויסן, אז ער טוהט עפעס א זאך וואס איז 'היפך רצונו' וואס דער אויבערשטער וועט נישט האבן דערפון קיין התפארות, מאך איך דאך א פגם אינעם אויבערשטנ'ס תפילין!".**

קומט אויס, דאס איז אַן ענין פון ישוב הדעת, איך בין זיך מיישב, איך וויל טוהן עפעס א זאך, דאס איז דאך די תפילין 'דמארי עלמא' וואס דער אויבערשטער בארימט זיך מיט אונז, זיי זיך מיישב - 'וועט דער אויבערשטער האבן א נחת רוח

---

[ח] דברי הימים-א יז, כא.

[ט] עיין גמ' ברכות ו.

[י] דברים ו, ד.

[יא] ר' יצחק בער מטעפליק ז"ל, אחיו של ר' יקותיאל, מחשובי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל. יליד טירהאוויצע. מחותנו של ר' נחמן טולטשינער.

פון מיר אז איך וועל טוהן די זאך? דער אויבערשטער וועט האבן א התפארות פון מיר?!׳.

❖

דער רבי רעדט ווייטער[יב], אין דער היינטיגער וואך (- חיי שרה) שטייט דאך אז אברהם אבינו האט אפגעקויפט די מערת המכפלה פון עפרון׳ען. די מערת המכפלה איז דער ׳שער גן עדן׳, אזוי גרויס, אלע נשמות מוזן אדורך גיין דארטן, און ביי אים איז עס געווען פינסטער, ער האט עס נאך פארקויפט "בשמחה רבה", ער האט גענומען "ארבע מאות שקל כסף".

דער מדרש זאגט[יג], ער האט אריינגעווארפן א ׳רע עין׳ אין דעם פארמעג פון אברהם אבינו, אזוי פיל געלט האט ער געוואלט - "ארבע מאות שקל כסף" איז אסאך געלט. נאכדעם אז עס איז אריבערגעגאנגען צו אברהם׳ן איז עס שוין געווארן א אנדער ווערד, אבער בשעת וואס עס איז געווען ביי אים איז דאס געווען פינסטער, א בית הקברות, וואס איז עס געווען?

- עס קען זיין א מציאות אז אזא מין הייליג ארט זאל זיין ביי אים - און ביי אים איז עס פינסטער. זאגט דער רבי, (כמו כן), עס קען זיין איינער איז ביים צדיק און דער ׳אור הצדיק׳ איז ביי אים פינסטער. דער צדיק שיינט דאך אריין אין אלע עולמות "וכל שכן בעולם הזה" - און ביי אים שיינט עס גארנישט, ביי אים איז עס גאר פינסטער.

---

[יב] שם אות ב׳, וזל"ש: כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁנֶּחֱשָׁךְ אֵצֶל אֶחָד אוֹר הַצַּדִּיק, וְאֵינוֹ זוֹכֶה לְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל; וְאַף שֶׁהוּא אֵצֶל הַצַּדִּיק, אֵינוֹ יָכוֹל לִטְעֹם וּלְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל שֶׁל הַצַּדִּיק, שֶׁעַל יָדוֹ יוּכַל לָבוֹא לְתַכְלִית הַטּוֹב. וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ גַּבֵּי עֶפְרוֹן, **שֶׁמְּקוֹם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, שֶׁהוּא שַׁעַר גַּן עֵדֶן, שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם עוֹלִין כָּל הַנְּשָׁמוֹת, וְאוֹרוֹ גָּדוֹל מְאֹד**, אַף עַל פִּי כֵן אֶצְלוֹ הָיָה מְקוֹם חשֶׁךְ וַאֲפֵלָה, וְעַל כֵּן מְכָרוֹ **בְּשִׂמְחָה רַבָּה** לְאַבְרָהָם, כַּמּוּבָא (זהַר חַיֵּי שָׂרָה קכ"ח). וּכְמוֹ כֵן כְּשֶׁנֶּחֱשָׁךְ אוֹר הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא מֵאִיר בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, **מִכָּל שֶׁכֵּן בָּעוֹלָם הַזֶּה**, וְאַף עַל פִּי כֵן אֶצְלוֹ אֵינוֹ מֵאִיר כְּלָל, אַדְּרַבָּא הוּא חשֶׁךְ אֶצְלוֹ וְזֶה מֵחֲמַת עֲכִירַת הַמַּעֲשִׂים וּכְסִילוּת הַשֵּׂכֶל.

[יג] מדרש רבה פרשת חיי שרה פר׳ נ"ח, פס׳ ז׳.

זאגט דער רבי, דאס איז אזוי ווי די מערת המכפלה וואס איז געווען ביי עפרון'ען און ער האט גארנישט געזעהן וואס דארטן איז - און אברהם אבינו האט יא געזעהן וואס דארטן איז.

❖

## מיט וואספארא מח ביסטו געקומען?!

זאגט דער רבי, פון וואנעט נעמט זיך דאס אז איך שטיי ביי אזא מין גרויסן צדיק וואס ער שיינט אין אלע וועלטן און ביי מיר שיינט ער גארנישט? זאגט דער רבי, דאס נעמט זיך פון "עכירת המעשים וכסילות השכל" - די מעשים מיינע זענען נישט קיין שיינע מעשים און דער שכל איז ביי מיר פאַרנאַרישט.

דער עיקר איז דאס, דער עיקר פארמעג פון א מענטשן וואס ער דארף אפהיטן איז דער 'מח'. מען זעהט, א מענטש אז ער האט עפעס א חשוב'ע זאך ביי זיך אין שטוב, וואס די זאך איז מער חשוב האט עס מער שמירה, א פראסטע זאך איז 'אזוי', אבער וואס די זאך איז א חשוב'ערע זאך, א פארמעג, היט ער איר בעסער.

וועלכעס איז דאס חשוב'סטע זאך ביי א מענטשן? דער מח! עס איז דא א לשון פון זוהר[יד]: "**כֻּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִירוּ**" - דער גאנצער בירור ווערט נאר אינעם געדאנק, אין דער מחשבה! די טייערסטע חשוב'סטע זאך וואס א מענטש הארעוועט אויס אלע יארן דא, איז אלץ אז דער מח זאל זיין א שענערער מח. אז ער קומט אהינצו לעתיד, זעהט מען, מיט וואספארא מח ביסטו געקומען?![טו]

---

[יד] עי' זוהר פקודי רנד:

[טו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ט (ע"פ ספה"ק ליקוטי עצות): **כָּל תִּקּוּן הָאָדָם וְקִלְקוּלוֹ חַס וְשָׁלוֹם, הַכֹּל תָּלוּי בְּמַחֲשָׁבָה שֶׁבַּלֵּב**, כִּי עִקַּר הַיְצָרִין הֵם הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַחָכְמוֹת שֶׁבַּלֵּב, כִּי מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת הֵם יֵצֶר טוֹב וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם יֵצֶר הָרָע.

די צדיקים, ווי איז איינער גרעסער ווי דעם אנדערן? אז דער מח איז געווען שענער צום אויבערשטן![טז] פארוואס? ווייל מיט דער עבודה האט ער משיג געווען העכער - עס האט דאך נישט קיין שיעור!

זאגט דער רבי דא, דורך 'כסילות השכל' - אז דער שכל איז פארנארישט, אז דער שכל איז נישט אפגעהיט, קען זיין א מציאות אז איך זאל זיין נעבן צדיק און איך זאל גארנישט פילן זיין לעכטיקייט!

דאס דארף א מענטש וויסן כסדר, דער עיקר וואס ער דארף בעטן דעם אויבערשטן און דער עיקר וואס ער דארף אוועקלייגן כוחות און רעדן אסאך מיט חברים - מען זאל זעהן דעם מח אפצוהיטן, דער געדאנק זאל זיין אפגעהיט, דאס איז אינגאנצן מיין פארמעג, בזה ובבא, אז דער מח זאל זיין א שיינער מח, עס זאל נישט ליגן אין מח קיין קטנות, עס זאל נישט ליגן אין מח קיין נארישקייטן.

דער רבי ברענגט אין תורה ל"ה[יז]: אזוי ווי א כלי וואס עס איז פול - אז ער וויל עפעס אריינלייגן, גייט ארויס פון דארטן, אזוי אויך דער מח אז איך לייג אריין אַן אנדערן געדאנק, גייט ארויס א שטיק מח. זאגט דער רבי, דער מח דארף זיין פול פון אלקות! לייג איך אריין אַן אנדער געדאנק, גייט שוין ארויס דעם מח דארטן, אזוי ווי א כלי וואס עס איז פול, גייט ארויס.

---

[טז] עיין חיי מוהר"ן תר"א: סִפֵּר עִם אֶחָד מִצַּדִּיק מְפֻרְסָם, וְשִׁבַּח אוֹתוֹ לִפְנֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁמְּשַׁבֵּר כָּל הַתַּאֲווֹת שֶׁהֵם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה. שָׁאַל אוֹתוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֲבָל זֹאת הַתַּאֲוָה אֵיךְ הוּא אוֹחֵז, הֵשִׁיב לוֹ מִי יוֹדֵעַ זֹאת. עָנָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְאָמַר אֲבָל בֶּאֱמֶת הָעִקָּר הוּא רַק הַתַּאֲוָה הַזֹּאת, כִּי שְׁאָר כָּל הַתַּאֲווֹת בְּקַל יְכוֹלִים לְשַׁבְּרָם **וְעִקַּר מַעֲלַת הַצַּדִּיק הִיא כְּפִי קְדֻשָּׁתוֹ בְּתַאֲוָה הַזֹּאת כְּשֶׁזּוֹכֶה לְשַׁבְּרָהּ לְגַמְרֵי.**

[יז] עיין שם אות א': **וּכְשֶׁאָדָם מַכְנִיס בְּתוֹךְ שִׂכְלוֹ הַקָּדוֹשׁ מַחֲשָׁבוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, הֵם חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, אֲזַי נִתְמַעֵט קְדֻשַּׁת שִׂכְלוֹ, כְּפִי תְּפִיסַת הַמָּקוֹם שֶׁל חָכְמָה חִיצוֹנִיּוֹת, שֵׂכֶל חִיצוֹנִי, בְּתוֹךְ שֵׂכֶל הַקֹּדֶשׁ. וְהַחָכְמָה חִיצוֹנִי הִיא נָעוּץ בְּתוֹךְ הַשֵּׂכֶל הַקֹּדֶשׁ כְּקָנֶה, וּמְחַסֵּר מְקוֹם הַקְּדֻשָּׁה.**

דאס איז געווען דער עיקר דעם רבי'נס זאך - דער רבי האט זיך אנגערופן א "נַחַל נֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה!"[יח]. דעם רבי'נס זאך איז אזא מין סארט כח וואס אז מען זאל זיך ארײנלייגן אין די הייליגע ספרים טאקע און גיין מיט דעם און בעטן דעם אויבערשטן מען זאל דאס מקיים זיין, קען מען זוכה זיין מען זאל האבן טאקע א מח, א ריינעם מח, א שיינעם מח.

דאס איז דער עיקר מענטש, דאס איז דער עיקר פארמעג אין דעם עולם. דער עיקר השארה - זאגט דער רבי אין א תורה - איז דער שכל הנקנה[יט]. דאס וואס ער קויפט זיך איין מיט א שיינעם שכל, דאס איז וואס בלייבט אים 'לאחר מיתה', דאס איז אינגאנצן זיין השארה, דאס האט ער אויסגעהארעוועט, דאס בלייבט אים.

דערפאר האט דער רבי געהייסן מאכן פון תורות 'תפילות'[כ]; אז מען לערנט עפעס, זאל מען בעטן דעם אויבערשטן מען זאל מקיים זיין וואס מען לערנט, ווייל די תפילות וואס איך בעט איך זאל מקיים זיין, ליגט מיר דורך דעם דער לימוד מערער (בעומק). אז איך לערן עפעס א זאך, ליגט מיר נאר דער לימוד פון אויבן אויף; דאס אז דער לימוד זאל זיין בעומק - דער לימוד דארף דאך ארײנגיין אין אלע איברים, ווען קען דאס זיין? אז איך מאך פון תורות 'תפילות'! ווען איך לערן עפעס, בעט איך דעם אויבערשטן איך זאל מקיים זיין וואס איך לערן, איך זאל מקיים זיין וואס איך לערן.

❖

[יח] פסוק במשלי יח, ד.; עיין חיי מוהר"ן קפ"ט.

[יט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ה, אות א': וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁמַּשִּׂיג בְּשִׂכְלוֹ כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ בְּיַד אֱנוֹשִׁי לְהַשִּׂיג, אָז שִׂכְלוֹ שָׁב שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה. כְּמוֹ שֶׁכָּתְבוּ הַמְחַקְרִים, שֶׁיֵּשׁ שֵׂכֶל בְּכֹחַ, וְשֵׂכֶל הַפֹּעַל, וְשֵׂכֶל הַנִּקְנֶה. **וְעִקַּר קִיּוּמוֹ שֶׁל אָדָם לְאַחַר מִיתָתוֹ, אֵינוֹ אֶלָּא שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה, וְזֶה הַשְׁאָרוֹתָיו לְאַחַר הַמִּיתָה.**

[כ] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה; שיחות הר"ן קמ"ה.

## זיי רעדן נאר תמיד פון 'שטארבן'...

דער רבי זאגט[כא]: פארוואס איז די וועלט ווייט פון השי"ת? ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת, מען איז זיך נישט מיישב! מען דארף האבן כסדר דעם ישוב הדעת!

מען זעהט דאך אז דער מענטש איז נישט קיין אייביגער, "משה מת - מי לא ימות?!"[כב] מען זעהט דאך - א מענטש איז נישט קיין אייביגער! וואס וועט בלייבן פון מיר? וואס וועט איבערבלייבן? עס בלייבט טאקע תורה ותפילה, אבער וואס איז דער עיקר וואס דארף בלייבן דערפון? אז דאס דארף מיר געבן א מח קבוע צום אויבערשטן, דער מח זאל זיין מקושר צום אויבערשטן, דער מח זאל זיין אויסגעהייליגט, נישט ארײנלאזן קיין אנדערע זאכן! די אלע עבודות וואס מען טוהט איז אלץ כדי דער מח זאל זיין וואס שענער, האבן שענערע געדאנקן[כג].

אז מען ווייסט דאס, איז מען עוסק אין דער זאך. מען זעהט, מען זעצט זיך אמאל רעדן דברים בטלים - ווי קען דאס זיין?! ערשטנס, דורך דברים בטלים ווערט מען דאך שוין א 'מושב לצים'; און נאכדעם, די דברים בטלים וועט דאך צעקלאפן דעם מח מיינער, צע'הרג'ענען דעם מח מיינער, וואספארא התפארות וועט דער אויבערשטער האבן פון די דיבורים וואס איך וועל רעדן? דער אויבערשטער וועט האבן עפעס א התפארות? א נחת רוח וועט ער האבן פון מיר?!

אז מען רעדט אזא מין שמועס וואס מען רעדט איצטער דא, קען דאך א מענטש ווערן אפשר מרה שחורה'דיג... זאגט אבער דער רבי דארט[כד], מען קען נישט קומען

---

[כא] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י'.

[כב] לשון מילקוט ראובני, פרשת האזינו אות צ"ח, בשם ספר הציוני.

[כג] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ל"ג: וְעִקַּר הַמְּלָאכָה שֶׁל הָאָדָם בָּזֶה הָעוֹלָם הוּא לְבָרֵר בֵּרוּרִים. **וְעִקַּר כָּל הַבֵּרוּרִים הֵם עַל יְדֵי בֵּרוּר הַמַּחֲשָׁבָה**, דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי בְּחִינַת הַנַּ"ל, עַל יְדֵי שֶׁשּׁוֹמְרִין הַמַּחֲשָׁבָה כְּחוּט הַשְּׂעָרָה מִמַּחֲשָׁבוֹת חוּץ וְהִרְהוּרִים, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בֵּרוּר כָּל הַנִּצוֹצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת בִּבְחִינַת **כֻּלְּהוּ בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִירוּ**.

[כד] בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י' הנ"ל.

צו ישוב הדעת נאר דורך שמחה; זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, האבן א ישוב הדעת, קען מען נישט קומען נאר דורך שמחה, דורך שמחה איז דא חירות המוחין, דעמאלט איז דער מח פריי, דעמאלט קען איך צובינדן דעם מח.

אז איך וויל רעדן צום אויבערשטן, דארף איך דאך צובינדן דעם מח, אז איך וויל רעדן א רעיון, אז דער מח לויפט אוועק, איך וויל דאך אים צובינדן צו א געדאנק, איך וויל רעדן די זאך, מיט וואס קען איך אים צובינדן? זאגט דער רבי, אז דער מח איז פריי! און 'חירות המוחין' איז נאר דורך 'שמחה', "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דעמאלט גייט מען ארויס פון דעם גלות. אז דער מח ווערט פריי, דעמאלט קען איך צובינדן דעם מח איך זאל רעדן וואס איך דארף רעדן.

איז פונקט פארקערט גאר, די אלע דיבורים וואס מיר רעדן דא איז דייקא נאר דורך שמחה, נאר דורך שמחה! דורך שמחה איז דער מח פריי, קען מען רעדן צום אויבערשטן דיבורים.

די וועלט זאגט אז די ברסלב'ער זענען מרה שחורה'דיג, זיי רעדן נאר תמיד פון שטארבן, זיי רעדן תמיד פון דעם תכלית... דער אמת איז נישט אזוי - דער אמת איז פונקט פארקערט, דער אמת איז, א מענטש קען בשום אופן נישט זיין בשמחה סיידן אז ער האט אינזינען דעם עלמא דאתי; אויב ער האט נאר אינזינען די וועלט, וועט ער בשום אופן נישט קענען זיין בשמחה. די וועלט אליין - וואס איז די וועלט אליין?! די 'אכילה ושתיה ותענוגים' פון דער וועלט דאס וועט אים בשום אופן נישט מאכן פרייליך, וויפיל עס מאכט פרייליך בשעת מעשה, נאכדעם ווערט דערפון 'תוגה'[כה], עס ווערט צוגארנישט, עס ווערט גארנישט, האבן א שמחה במח קען נאר זיין אז מען האט אינזינען דעם עלמא דאתי.

עס איז דא אַן עלמא דאתי! עס איז דא א גן עדן! עס איז דא השגות אלקות וואס מלאכים וועלן נישט דערקענען דעם אויבערשטן ווי אידן וועלן דערקענען דעם

---

[כה] פסוק במשלי יד, יג: 'גַּם בִּשְׂחֹק יִכְאַב לֵב וְאַחֲרִיתָהּ שִׂמְחָה תוּגָה', עיין רש"י שם.

אויבערשטן, ווי די אידן וועלן זיין נאנט צום אויבערשטן! אז מען האט אזעלכע געדאנקען וואס א איד דארף האבן, וואס א איד קען קומען צום תכלית - דאס קען מיר מאכן פריילך! ש"י עולמות, דער 'שער הגן עדן', דער תענוג פון דארט - עס איז דאך א געוואלד וואס א איד קען זוכה זיין דורך מצוות און מעשים טובים.

❖

## דער מענטש איז נישט מוותר אויפן עונש

עס ווערט געבראכט, אז איינער קומט אהין דארטן און ער האט טויזנטער מצוות מיט איין עבירה, איז מען אים דָן פאר דער עבירה. איז די קשיא, נעם צו א מצוה פאר דער עבירה וועט ער האבן ווינציגער א מצוה, פארוואס דארפסטו אים דָן זיין פאר דער עבירה? נאר דער מענטש וויל נישט! כאטש ער זעהט דאך אז פאר דער עבירה וועט ער האבן א גרויסן עונש, ער זעהט אבער אז די מצוה איז אזוי גרויס אז ער וועט בשום אופן נישט אוועקגעבן א מצוה - 'איך וויל בעסער האבן אַן עונש פאר דער עבירה - די מצוה וועל איך נישט אוועקגעבן!' וויפיל דער עונש וועט זיין אַן עונש איז דאס אלץ כדאי פאר דעם תענוג פון דארטן פאר דער מצוה![כ]

וואס איז דארטן דער תענוג? דער תענוג איז דארטן 'השגות אלקות', מען דערקענט דעם אויבערשטן מערער! קיין גרעסערער תענוג אין דער וועלט איז דאך נישטא, איין רגע תענוג פון דארטן איז דאך בעסער פון די אלע תענוגים פון דער וועלט! אט דאס הייסט עלמא דאתי, דאס הייסט עלמא דאתי! 'עלמא דאתי' הייסט, נישט נאר 'ליגן אין דער ערד אין קבר', דאס איז א נארישע זאך... 'נאַר' דאס איז

---

[כ] עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב, אות ח': אַף בֶּאֱמֶת בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית שֶׁיִּזְכֶּה **אֲפִלּוּ הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים וְהַקַּל שֶׁבַּקַּלִּים** בְּוַדַּאי כְּדַאי כָּל הַיִּסּוּרִים וְהַצָּרוֹת שֶׁסּוֹבֵל בְּזֶה הָעוֹלָם **וְאַחַר מִיתָה**, כִּי הַכֹּל כְּדַאי בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית (רַק מִי שֶׁהוּא חֲכַם אֱמֶת וְרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד הוּא מְיַשֵּׁב עַצְמוֹ לָמָּה לוֹ לִסְבֹּל צַעַר וְיִסּוּרִין הַרְבֵּה בְּזֶה הָעוֹלָם, בִּפְרָט אַחַר מִיתָה אִם לֹא יֵיטִיב אֶת מַעֲשָׂיו וְלַסּוֹף מַה יִּשָּׁאֵר מִמֶּנּוּ. הֲלֹא טוֹב לוֹ שֶׁיֵּיטִיב אֶת מַעֲשָׂיו וְיִהְיֶה נִצֹּל מִמְּרִירוּת הָעֳנָשִׁים לְאַחַר מוֹתוֹ וְגַם בְּזֶה הָעוֹלָם יִהְיֶה נָקֵל לוֹ בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל פִּגְעֵי הָעוֹלָם כַּיָּדוּעַ וְאַחַר כָּךְ יִזְכֶּה לְמַה שֶּׁיִּזְכֶּה עַיִן לֹא רָאֲתָה וְכוּ'). אֲבָל עַל כָּל פָּנִים סוֹף כָּל סוֹף גַּם הַתַּכְלִית **הַמְּעַט דִּמְעַט** שֶׁיִּזְכֶּה, **הַקַּל שֶׁבַּקַּלִּים** עוֹלֶה עַל כָּל הַצָּרוֹת וְהַיִּסּוּרִים שֶׁסָּבַל בְּזֶה הָעוֹלָם **וְאַחַר כָּךְ!**

דער תענוג, נאר דאס קען מאכן א מענטשן פרייליך פון עלמא דאתי - אז מען דערמאנט זיך פון אזא תענוג, אז 'עתידין צדיקים שיהיה מחיצתן לפנים ממלאכי השרת', די מלאכים וועלן דארפן פרעגן די אידן, 'וואס טוהט דער אויבערשטער?' - אזוי גרויס וועלן די אידן זיין![כז]

וואס דער מענטש איז מער ממעט אין די תענוגים פון דער וועלט, איז ער נענטער צו דעם תענוג פון דארט. יעדער איינער גייט קומען צו דעם תענוג נאכן איבערגיין א זיכוך, א גלגול, איז אז דער מענטש האט שכל און ער ווייסט אז דאס איז דער עיקר תענוג, זעהט ער אין דעם עולם וואס מערער צו מרבה זיין בתורה ותפילה, וואס מערער צו טוהן א נחת רוח פארן אויבערשטן, כדי ער זאל זיין נענטער צו דעם תענוג - צו דעם תענוג וואס ער דארף קומען.

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט א קביעות אין מח, עס ווערט שוין 'נקבע' אין מח אז דאס איז דער תכלית מיינער, איז שוין א שמחה אין מח, איז שוין א שמחה במח, אז איך וויים אז דאס דער עיקר - דאס איז מיין עיקר תכלית!

❖

## זיי נישט קיין עלעפאנט...

דער רבי זאגט טאקע[כח] - די דריי נקודות; ביי יעדן איינעם איז דא א נקודה קדושה וואס איז א בחינת 'צדיק', נאר ער אליין ווייסט נישט פון זיין נקודה, ער ווייסט נישט

---

[כז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות א': **כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק ב'): 'עֲתִידִין צַדִּיקִים, שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת', שֶׁנֶּאֱמַר: "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל", **שֶׁהַמַּלְאָכִים יִצְטָרְכוּ לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל, כְּשֶׁיִּרְצוּ לֵידַע מַה פָּעַל אֵל**. גם עיין בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות י'.

[כח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ח': 'נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הַיְנוּ **הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים**, וְהֵם יָאִירוּ בּוֹ, כִּי הֵם הַנְּקֻדָּה כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל, וִיעוֹרְרוּ אֶת לִבּוֹ. וְגַם עַל יְדֵי **שֶׁיְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ**, יָכוֹל גַּם כֵּן כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְהָאִיר וּלְעוֹרֵר לֵב חֲבֵרוֹ. **וְגַם עַל יְדֵי עַצְמוֹ, שֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**, יָכוֹל גַּם כֵּן לְעוֹרֵר אֶת לְבָבוֹ, עַל יְדֵי "פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת". וְיָסִיר מִמֶּנּוּ עָרְלַת לֵב'.

פון זיין 'טוב', ער ווייסט נישט וואס איז דא אין אים. עס איז דא א נקודה פון 'צדיק', און א נקודה וואס 'מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים', און א נקודה פון דעם 'חבר'.

דער רבי זאגט, דערפאר איז טאקע זייער גוט אז איינער רעדט צו דעם אנדערן דיבורים, ווייל דורכדעם גיט ער ארויס זיין נקודה וואס איז דא אין אים. אין מיר איז דא אזא מין נקודה - אזא מין טוב איז דא אין מיר!

מען וועט דאך א מענטשן דַן זיין, 'פארוואס האסטו נישט אויסגענוצט דיין טוב וואס דו האסט אין זיך?!' [ער וועט זאגן, 'אוי איך האב געהאט א יצר הרע!'] - דו ווייסט וואספארא טוב עס איז דא אין דיר?! דארטן וועט מען דאך אים ארויסווייזן דאס אלקות וואס עס איז דא אין אים, דאס טוב וואס עס איז דא אין אים, וואספארא כוחות דו האסט געהאט און דו האסט עס נישט אויסגעניצט.

אט דאס רעדט דער רבי, אז מען רעדט איינער מיטן אנדערן, אדער מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים, גיב איך ארויס מיין גוטס וואס איז דא באהאלטן אין מיר, איך גיב עס ארויס פון מיר אין איך ווער געוואויר פון מיין כח!

אין דעם שיר פונעם רבי'ן איז דא[כט]: "דו זאלסט נישט זיין אזוי ווי א 'פיל' און א 'גמל' וואס ער ווייסט נישט פון זיין כח!" - וויים פון דיין כח וואספארא כח דו האסט!

אז מען רעדט איינער מיטן אנדערן - חברים, מען רעדט דאך פון תכלית, דעקט זיך אויף מיין נקודה וואס איז דא אין מיר און איך בין מקבל פונעם חבר די נקודה פונעם צדיק.

❖

[כט] שיר נעים מאדמו"ר ז"ל הנדפס בריש ספר ליקוטי מוהר"ן, וזל"ש: **חֲזַק וְנִתְחַזֵּק, וְאַל תִּהְיֶה כַּפִּיל הַגָּדוֹל וְכַגָּמָל, אֲפִלּוּ כְּשֶׁמָּשְׁכֵהוּ בְּחָטְמוֹ הָעַכְבָּר לֹא יִבְעַט בּוֹ, וְכָל זֶה מֵחֲמַת שְׁטוּת שֶׁאֵין יוֹדֵעַ מִכֹּחוֹ.**

# א לבוש פון רצונות

דער רבי זאגט דאך אין א תורה[ל]: "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"; און דער רבי זאגט[לא]: "מען זאל תמיד געדענקען אין עלמא דאתי". זעהט עס עפעס אויס ווי א 'תרתי דסתרי'; געדענקען תמיד 'בעלמא דאתי' און 'זיין פרייליך תמיד' - ווי קען דאס זיין? אבער דער אמת איז אז עס איז גאר נישט קיין תרתי דסתרי: האבן דעם זכרון אין עלמא דאתי קען נישט זיין סיידן אז מען איז בשמחה תמיד!

נאר וואס דען? עלמא דאתי איז נישט פשט אזוי ווי מען מאלט זיך אויס - מען ליגט אין קבר, עס איז קאלט, עס שנייט... דארטן איז דאך עפעס אנדערש, דארטן איז דאך אַן אנדער תענוג, א רוח אחרת אינגאנצן.

עס שטייט אין זוהר הקדוש[לב], יעדער איינער מיט זיינע מעשים טובים מאכט זיך מלבושים. יעדער איינער האט דארטן א מלבוש, דארטן איז אַן אמת'ע וועלט, מען גיט אים נאר זיינע מלבושים וואס ער האט זיך אליין געמאכט, מען וועט אים נישט געבן קיין אנדערע מלבושים.

זאגט דער זוהר הקדוש, א מענטש אזוי ווי ער ווערט נפטר און די נשמה גייט ארויס פון אים, טוהט ער אויס דעם מלבוש פון דער וועלט, און ביז ער גייט נישט אריין אין קבר קען מען אים נישט געבן יענעם מלבוש; טאמער איז ער נאך 'בחיזו דהאי עלמא' קען מען אים נישט געבן יענעם מלבוש.

זאגט דער זוהר הקדוש[לג], זאל מען זעהן א נפטר זאל וואס גיכער אריינגיין אין קבר, אז נישט איז ער אַן "ערטילאי", דאס הייסט, ער איז נאקעט אָן קיין מלבוש,

---

[ל] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

[לא] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד.

[לב] ויקהל דף רי. עיין גם שיחות הר"ן כ"ג.

[לג] עיין זוהר תרומה דף קנא.

דעם מלבוש האט מען אים אויסגעטוהן, און יענעם מלבוש קען מען אים נאך נישט געבן.

דערפאר טאקע, ביי חסידים מאכט מען נישט קיין הספדים! ווייל דער נחת רוח פונעם נפטר איז וואס גיכער ארייינצוגיין אין קבר, דארטן האט ער זיין מלבוש - וואספארא מלבוש ער האט, אבער ער האט דאך עפעס א מלבוש, ער האט דאך עפעס געטוהן מצוות ומעשים טובים.

אין זוהר הקדוש שטייט[לד]: רבי שמעון בר יוחאי האט געהערט פון אליהו הנביא'ן, אז די מלבושים וואס ווערן פון גוטע רצונות, פון א רעותא טבא, ווערט דערפון א העכערער מלבוש און שענערע מלבושים פון די מלבושים וואס ווערן פון עובדות טובות!

פארוואס? ווארום דער תכלית איז, א איד אז ער האט א רצון צום אויבערשטן דאס איז עפעס א געוואלד! דער רצון איז נישט אזוי גרינג - פון אסאך מעשים טובים האט מען גוטע רצונות!

❖ ❖ ❖

## "דער ערשטער איז שענער - דער אנדערער איז אמת'ער"

דעם רבי'נס זאך איז זייער א גלייכע זאך. דעם רבי'נס ספר איז נאך געווארן אפגעדרוקט בחיי רבינו - צוויי און א האלב יאר פארן רבי'נס הסתלקות[לה]. איז איינער געקומען פרעגן פון רבי'ן פשט אין לקוטי מוהר"ן, האט דער רבי אים נישט געענטפערט, דער רבי האט אים נאר געזאגט: "דו מעגסט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי דו ווילסט, נאר נישט טשעפען קיין סעיף קטן פון שלחן ערוך!".

---

[לד] ויקהל דף רי:

[לה] עיין ימי מוהרנ"ת סימנים כ"ה-כ"ו.

זעהען מיר אז דעם רבי'נס ספר איז אזוי אויסגעהאלטן - נאר מיטן שלחן ערוך! דעם רבי'נס זאך איז דאך אזא מין גלייכער וועג, א גלייכער וועג, א גלייכע זאך וואס קיין שום זאך זאל זיין עפעס א סתירה חלילה, קנייטש וואס דו ווילסט - דעם שולחן ערוך זאלסטו נישט טשעפען!

דעם רבי'נס זאך איז דאך פול מיט עצות, אזעלכע גוטע עצות, אלעס זאלסטו טוהן, אבער טאמער די עצה וועט געבן א טשעפע דעם שלחן ערוך – דאס נישט! און דעמאלט האט עס דעם חן, דעם אמת! זאל מען זיך טאקע האלטן אין רבי'ן בתמימות ובפשיטות.

רבי נתן האט פאר זיין הסתלקות געגעבן א קרעכץ און האט זיך אנגערופן: "וואס מיינט איר - פארוואס קרעכץ איך, איך האב ממעט געווען בתורה ותפילה? וויפיל איך האב געקענט האב איך געהיט די צייט, איך קרעכץ צו איך האב יוצא געווען דאס תמימות פונעם רבי'ן!"...[לו]

אינעם וועג פון רבי'ן ליגט אזא מין תמימות. דער רבי אליין איז געווען א חכם דקדושה געוואלדיג, נאר דער וועג פונעם רבי'ן איז א תמימות'דיגער וועג, פון תפילות, רעדן צום אויבערשטן דיבורים, א וועג נאר פון תמימות.

דערפאר האט ער געקרעכצט, רבי נתן'ען, צו ער האט יוצא געווען דאס תמימות פונעם רבי'ן. פארוואס? ווייל אין תמימות ליגט דעם רבי'נס זאך! יעדע עצה פונעם רבי'ן איז נאר אז עס גייט בדרך התמימות אָן קיין שום חכמות, דעמאלט ליגט דארטן דער אמת און עס שיינט אים! נישט ווען פארפוצן און מאכן שענער - קען זיין דו מאכסט טאקע שענער, אבער עס איז שוין נישט דאס, עס איז שוין נישט דאס!

---

[לו] עיין בליקוטי הלכות בהקדמת מוהרנ"ת מש"ש בזה"ל: מֵעֹצֶם גַּשְׁמִיּוּת גּוּפֵנוּ וַעֲכִירַת שִׂכְלֵנוּ, **קָשֶׁה וְכָבֵד מְאֹד לְהַכְנִיס בְּלֵב הָאָדָם תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה**, כִּי דַּעַת כָּל אָדָם נוֹטָה אַחֲרֵי חָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם, שֶׁרֻבָּן מְעַקְּמִין אֶת הַלֵּב מִנְּקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת, בִּפְרָט **כִּי בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ הַתְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת שֶׁל דִּבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עָמֹק עָמֹק מְאֹד, עָמֹק עָמֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ.**

איך בין געווען אין מאסקווע, האב איך געהערט פון א ליובאוויטשער חסיד, ער האט דערציילט פונעם בעל התניא דארט, דער רַב האט געהאט א מלמד וואס האט געלערנט מיט זיינע אייניקלעך, ער איז געווען א למדן - געלערנט. איינמאל איז דער רַב דורכגעגאנגען דורך דער שטוב, האט ער געהערט ווי ער לערנט דארט, עס איז געווען א שווערער ענין, דער מלמד האט זיך געמאטערט מיט די קינדער צו דורכלערנען דעם ענין.

איז אריינגעגאנגען דער רַב, ער האט געזעהן ווי ער מאטערט זיך, האט דער רב דורכגעלערנט די שטיקל גמרא אזוי - אַה, ער האט זיך מחיה געווען דער מלמד, עס האט זיך אים געעפענט די אויגן, פיין, גוט.

נאכדעם האט ער נאכאמאל געלערנט דעם ענין, האט ער אים געלערנט שוין שווער מיט פשטים. זאגט דער רַב צום דאזיגן מלמד: "**וואספארא פשט איז דיר** געפעלן שענער - דער ערשטער צו דער אנדערער?" זאגט דער מלמד: "דער ערשטער איז שענער!" (ענה לו הָרַב:) "**דער ערשטער איז שענער - דער אנדערער איז אמת'ער!**"

אזוי איז געווען, דער ערשטער איז שענער אבער דער אנדערער איז אמת'ער. האט ער אים געוויזן - 'זעהסטו, דער ערשטער איז אזוי שיין, אבער דער אנדערער איז מער אמת'ער'.

עס איז פארהאן אמאל, א בעל דרשן זאגט א דרשה שיין, א פלפול שיין, און עס קען זיין אז 'אמת' איז דארטן דא ווינציג - און דער אנדערער זאגט אמאל און עס

**איז אים שווער, ער מאטערט זיך און מאטערט זיך און עס איז נישט אזוי משל'דיג - און דארטן ליגט מער אמת, דארטן ליגט מער דער אמת!** [לז]

❖

## עס איז שוין נישט דאס קאפל...

**דער רבי זאגט אין א תורה[לח]: אויבן גלוסט מען נאר צום אמת! "אַ'מָּה תְּ'כַלֶּנָּה מִ'לְמַעְלָה", זאגט דער רבי, איז ר"ת 'אמת'. און "תכלנה" איז א לשון גלוסטן. אויבן גלוסט מען נאר צום אמת! וואס דו טוהסט נאר - וואס עס ליגט אין דער זאך מער אמת, האט עס מער חן, צו דעם גלוסט מען אויבן.**

**מען זעהט היינט, א צדיק וואס איז שוין געווען - עס איז שוין הונדערט זעקס-און-זעכציג יאר פונעם רבי'נס הסתלקות - און דער דרך איז פונקט אזוי ווי דעמאלט,**

---

[לז] עיין בליקוטי הלכות הל' גילוח ה"ד, אות י"ב: **וַאֲפִלּוּ בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה רוֹאִין זֹאת** שֶׁיֵּשׁ לוֹמְדִים שֶׁאוֹמְרִים פְּשָׁט גָּדוֹל בַּגְּמָרָא פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י תּוֹסָפוֹת בַּחֲרִיפוּת גָּדוֹל, **אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן מִי שֶׁמִּסְתַּכֵּל עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, רוֹאֶה שֶׁהַפְּשָׁט הָאֱמֶת אֵינוֹ כֵן**, בְּוַדַּאי פִּלְפּוּל וַחֲרִיפוּת כָּזֶה אֵינוֹ כְּלוּם, כִּי הוּא פִּלְפּוּל שֶׁל הֶבֶל וְאֵין קוֹבְעִין הֲלָכָה כְּמוֹתוֹ כִּי אִם כְּפִי הַפְּשָׁט הָאֱמֶת בַּגְּמָרָא וְאַף עַל פִּי שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, חָדֵי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּפִלְפּוּלָא, הַיְנוּ אִם כַּוָּנָתוֹ לָאֱמֶת, שֶׁרוֹצֶה לְכַוֵּן הָאֱמֶת בְּהַתּוֹרָה וּמְפַלְפֵּל בָּהּ בִּשְׁבִיל לְהָבִין הָאֱמֶת, אֲזַי אַף עַל פִּי שֶׁעֲדַיִן אֵינוֹ זוֹכֶה אֶל הָאֱמֶת יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נַחַת מֵהַפִּלְפּוּל בְּהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, כִּי כָּל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא בְּחִינַת אֱמֶת, וְכָל מַה שֶּׁמַּכְנִיסִין דַּעְתּוֹ לְעַיֵּן וּלְפַלְפֵּל בָּהּ וְכַוָּנָתוֹ אֶל הָאֱמֶת, הַכֹּל נִקְרָא אֱמֶת, מֵאַחַר שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה וּמַמְשִׁיךְ עַצְמוֹ אֶל הָאֱמֶת, רַק שֶׁעֲדַיִן לֹא זָכָה אֵלָיו בִּשְׁלֵמוּת. וְעַל זֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל פָּסוּק, "וְהַמַּכְשֵׁלָה הַזֹּאת וְכוּ'". אֵלּוּ דִּבְרֵי תּוֹרָה שֶׁאֵין אָדָם עוֹמֵד עֲלֵיהֶם אֶלָּא אִם כֵּן נִכְשָׁל בָּהֶם.

[לח] ליקוטי מוהר"ן סי' ט' אות ג', וזל"ש: **וְדַע, שֶׁהַכֹּל לְפִי גֹּדֶל הָאֱמֶת**, כִּי עִקַּר הָאוֹר הוּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הוּא עֶצֶם הָאֱמֶת, **וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת**. וְזֶה: **"וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה"**, לְשׁוֹן (שְׁמוּאֵל ב י"ג): **"וַתְּכַל נֶפֶשׁ דָּוִד"**. אַמָּה הִיא ה' מוֹצָאוֹת, הַכְּלוּלִים מֵאֵ'שׁ וּמַ'יִם, הַיְנוּ שֶׁתִּרְאֶה שֶׁיֵּצְאוּ הַדִּבּוּרִים מִפִּיךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז יִשְׁתּוֹקֵק הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִלְמַעְלָה לִשְׁכֹּן אֶצְלְךָ; וּכְשֶׁיִּשְׁכֹּן אֶצְלְךָ, הוּא יָאִיר לְךָ. וְזֶה: **אַ'מָּה תְּ'כַלֶּנָּה מִ'לְמַעְלָה רָאשֵׁי תֵבוֹת אֱמֶת**, כִּי עַל יְדֵי אֱמֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חוֹמֵד מִלְמַעְלָה לִשְׁכֹּן עִם הָאָדָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: **"קָרוֹב ה' לְכָל קוֹרְאָיו"** וְכוּ'.

עס האט זיך נישט געביטן קיין שום זאך, דער זמן מיט אלעס - אזוי ווי דעמאלט, דאס איז א געוואלדיגער אמת.

נאר וואס דען, ברוב הזמן וויל מען שוין געבן א דריי - דאס נישט, דריי נישט! קיין שום עצה פונעם רבי'ן דרייט זיך נישט איבער אנדערש, אזוי ווי עס איז געזאגט געווארן דעמאלט - אזוי איז. אז דיר איז שווער מקיים צו זיין? - דאס איז א באזונדערע שמועס צו דו קענסט יא צו דו קענסט נישט, אבער דערפאר זאל איך וועלן געבן א דריי עפעס אין דער עצה אליין? - דאס טאר איך נישט! אזוי ווי עס איז ארויסגעגאנגען מפיו הקדוש, אזוי איז! דאס איז דער אמת פון דער זאך!

איך וועל נישט זאגן אז עס איז דא די צדיקים וואס זענען געווען דעמאלט, אבער דער דרך פונעם רבי'ן האט זיך נישט געביטן.

למשל, ביים בעל שם הקדוש איז געווען דארטן דער וועג וואס עס איז געווען ביים רבי'ן פון קימת חצות[לט] מיט התבודדות[מ] און אלעס, אבער נאכדעם האט זיך עס געביטן - ביים רבי'ן האט זיך דאס נישט געביטן, אזוי ווי עס איז דעמאלט! ווער איז עס מקיים?! אבער דער וועג, דאס איז דער דרך! צו איך בין מקיים צו איך בין נישט מקיים, אז איך וועל נישט מקיים זיין זאל איך מאכן א שינוי אין דעם דרך? אט דאס איז דער דרך! ביי אונז איז מען מדייק צו דאווענען אין 'זמן קריאת שמע', זמן תפילה, מען הויבט אָן א שעה פארן 'זמן קריאת שמע' אזוי ווי עס איז געווען בימי רבינו, צו נאך אזעלכע זאכענישן וואס מען איז מדייק ביי אונז.

---

[לט] עיין צוואת הריב"ש אות כ"ו: "יהא זהיר מאד לקום בחצות הלילה אם אינו קם שלא מחמת אונס הוא בנידוי למעלה ח"ו". ובאות כ"ז: "ויהפוך הלילות לימים ויישן ביום כמה שעות כדי שיספיק לו מעט שינה בלילה". ובאות כ"ח: "כשקם בחצות ונופלת עליו שינה ילך לכאן ולכאן בבית וישיר בשירות ויגביה קולו כדי להסיר מעליו השינה".

[מ] שם אות פ': "מפני מה יזכה לדביקות? מחמת התבודדות מבני אדם!". ושם אות קט"ז, בא"ד: "לפעמים שוכב במטה ונראה לב"א שהוא ישן והוא באותה שעה מתבודד עצמו עם הבורא יתברך". עיי"ש גם באותיות ח' ס"ג.

דער 'קימת חצות' איז א סעיף אין שולחן ערוך, עס שטייט דאך באלד אין שולחן ערוך אין דעם ערשטן סימן: 'מען דארף מקונן זיין אויפן בית המקדש!' עס איז דען א נייעס דאס?! אינגאנצן דאס שיינקייט אונזערע איז אז דעם רבי'נס זאך איז איצטער אזוי ווי עס איז געווען בחיי רבינו, קיין שום חילוק איז נישטא פון איצטער ביז דעמאלט.

כלפי מקיים זיין? געוועגטליך (- פארשטייט זיך) עס איז געווען (מדריגות), איצטער איז אויך דא ברוך השם יונגעלייט, חשוב'ע יונגעלייט וואס זענען מקיים - מערער, ווינציגער; אז איך בין ווינציגער מקיים - אבער איך וועל נישט מאכן קיין דריי אינעם רבי'נס זאך, אט דאס איז דאס, דעמאלט האט עס א חן, עס האט אַן אמת! - אט דאס איז דער אמת פונעם רבי'ן!

עס איז געווען א מעשה, מען ווייסט דאס, דער חוזה איז נפטר געווארן, האט מען פארקויפט זיינע מלבושים, עס איז געבליבן אַן אלמנה מיט קינדער, האט מען פארקויפט די מלבושים, האבן די תלמידים געגעבן א פארמעגן פאר א מלבוש.

האט איינער עפעס א חסיד געקויפט דעם חוזה'ס קאפל פאר דריי הונדערט רענדלעך, האט די רעביצין א זאג געגעבן - עס איז געווען א קאפל געווען פול מיט שוויים - 'איך וועל אויסוואשן דאס קאפל, וועל איך אים געבן עפעס א ריין קאפל!' - אים געבן א קאפל מיט שוויים?! האט זי אויסגעוואשן דאס קאפל.

זאגט דער חסיד: "איך האב געגעבן די געלט פארן רבי'נס שוויים!" פאר א קאפל וועל איך געבן דריי הונדערט רענדלעך? איך קען קויפן א קאפל אין קלייט פאר א קליינקייט, אז דו האסט צוגענומען ביי מיר דעם רבי'נס שוויים - פארוואס זאל איך געבן דריי הונדערט רענדלעך?! אין דעם רבי'נס שוויים דארטן איז געלעגן אינגאנצן די קדושה פון רבי'ן, פאר דעם האב איך געוואלט געבן די געלט!

עס איז פארהאן אמאל א מענטש, ער וויל אמאל פארפוצן א זאך, ער מיינט אז ער פארפוצט, אבער ער נעמט גאר אראפ דעם חן, ער נעמט אראפ דעם חן דערפון,

עס האט שוין נישט דעם אמת, עס האט שוין נישט דעם חן, ער מיינט אז ער מאכט אלץ שענער דעם רבי'נס זאך, אבער דאס נעמט אראפ דעם חן פונעם רבי'נס זאך, עס נעמט אראפ דעם אמת פונעם רבי'נס זאך!

ווער ווייסט וואו מען קען נאך פארקריכן? שיין וועט עס זיין, אבער מען וועט גארנישט דערקענען אז דאס איז אונזער זאך אינגאנצן...

דער רבי ברענגט[מא], 'אמת' איז דער 'אור הפנים'. טאקע שיין איז עס, אבער עס איז דאך נישט די זאך, עס איז דאך שוין נישט דער אמת פון דער זאך! מען קען טוהן שיינע זאכן אבער אונזער חן האט עס נישט, עס איז נישט אונזער אמת, מען מוז דאך - 'נאר גיין אויפן וועג פון דעם רבי'נס זאך!'

❖

## "דאנקען גאט וואס איך בין ריין פון 'חן של שקר'"

מען זאגט אין די עשרת הדברות[מב]: "לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ פֶסֶל וְכָל תְּמוּנָה אֲשֶׁר בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל". מען קען מאכן א פסל 'בשמים ממעל' אויך, מען קען מאכן א פסל פון התבודדות און חצות, דאס איז נישט די 'כלי זיין' אז מען מעג שוין טוהן וואס מען וויל...

דער אמת פון דעם רבי'ן מוז נאר גיין אויף דעם וועג, אזוי ווי עס איז - אזוי דארף עס גיין, נישט פארדרייען, אויב עס האט דעם אמת פונעם רבי'ן, האט עס דעם אמת'ן חן.

---

[מא] ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ג.

[מב] שמות כ, ד.

דער רבי רעדט דארט אין תורה ס', פון 'חן'[מג]; יעדע זאך האט א חן, א חן אינעם דיבור,ביים רעדן, ביים שווייגן, אינעם טוהן. עס איז דא א 'חן של שקר' און עס איז דא א 'חן של אמת'. האט רבי נתן געזאגט: "**דער אמת'ער חן איז געווען אויפן רבי'ן, דאנקען גאט וואס איך בין ריין פון 'חן של שקר'!**".

רבי נתן האט אויף זיך געזאגט: "דער חן אמת האט מען געזעהן אויפן רבי'ן, דאנקען גאט וואס איך בין ריין פון חן של שקר".

האט שוין רבי אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: "**אז מען איז באמת ריין פון 'חן של שקר', שיינט אין אים אריין דער אמת'ער חן!**" - אזוי ווי די לבנה מיט דער חמה[מד].

**אז מען איז באמת ריין פון חן של שקר, שיינט אין אים אריין דער אמת'ער חן.**

מען זעהט דאך ארויס, דער מענטש דארף נאר וועלן זעהן אז וואס ער טוהט עפעס א זאך פארן אויבערשטן זאל עס זיין מיט אמת, ער זאל בעטן דעם אויבערשטן דערויף, ווארום דער אויבערשטער האט נאר ליב אמת, "תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ"[מה], "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת", יעדע זאך - די מצוות איז נאר אמת, דער אויבערשטער האט נאר ליב אמת! אפילו עס קען זיין אז די התעוררות האסטו

---

[מג] עיין שם אות ג': **כִּי יֵשׁ כַּמָּה מִינֵי חֵן שֶׁל שֶׁקֶר, שֶׁעוֹשִׂים בַּעֲמִידָה, וּבַאֲכִילָה, וּבְדִבּוּרוֹ עִם אֲנָשִׁים, וְכֵן בִּשְׁאָר דְּבָרִים, וּלְכָל דָּבָר יֵשׁ חֵן אַחֵר מְיֻחָד. וְכָל אֵלּוּ הַחִנּוֹת שֶׁל שֶׁקֶר, הֵם בָּאִים עַל יְדֵי הֶבֶל הַיֹּפִי**, בִּבְחִינַת: "שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי". דְּהַיְנוּ, מִי שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָר מִיפִּי הַנָּשִׁים, עַל יְדֵי זֶה יֵשׁ לוֹ תַּאֲווֹת שֶׁל אֵלּוּ הַחִנּוֹת שֶׁל שֶׁקֶר. וְיִרְאָה הוּא הֶפֶךְ מִזֶּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ל"א): "שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי, אִשָּׁה יִרְאַת ה' הִיא תִתְהַלָּל"

[מד] ראה בליקוטי מוהר"ן סי' א' שעל ידי שמאירה החמה שהיא בחינת חי"ת בלבנה שהיא בחינת נו"ן, על ידי זה נעשה 'חן'. וראה בביאור הליקוטים שם אות י' שביאר כי כוונת רבינו שם היתה לרמז על עצמו ועל מוהרנ"ת [וכמבואר בליקוטי קמא סי' ו' ש'חמה ולבנה' מרמזים על 'רבי ותלמיד'], שעל ידי התאחדותם נעשה 'חן'. (משיש"ק החדש ח"ב אות רנ"ד, הערה שם)

[מה] מלאכי ב, ו.

**דעמאלט נישט אזוי פיל - אז עס האט אין זיך אמת האט עס א חשיבות, דאס וויל דער אויבערשטער![מו]**

**עס איז דא א דיבור פון רבי'ן, דער רבי האט געזאגט: "איך האב אין אייך אסאך אמת אריינגעבראכט!"[מז] דאס אליין וואס דער רבי האט אונז מודיע געווען מען זאל רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דאס איז שוין א געוואלדיגער אמת! דער אויבערשטער איז דאך דער 'מקור האמת', דארף מען רעדן צום אויבערשטן דיבורים: "רבונו-של-עולם, פיר מיר בדרך אמת; אז איך טוה א מצוה זאל עס זיין מיט אמת, אז איך דאוון זאל עס זיין מיט אמת!" - דאס איז דאך שוין א התדבקות צום אמת!**

**אונזערע לייט פלעגן זאגן: "אזוי ווי דער רבי האט מזהיר געווען אז מען זאל רעדן צום אויבערשטן דיבורים, האט דער רבי אזוי אויך מזהיר געווען אז מען זאל רעדן מיט א חבר!"[מח]**

**מען זאל האבן חברים, רעדן מיט חברים, דאס איז אויך א נקודה פון די דריי נקודות! עס האט א געוואלדיגן כח אז מען קומט זיך צונויף און מען רעדן פונעם תכלית, עס האט א געוואלדיגן כח.**

---

[מו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קי"ב: וְהָעִקָּר, שֶׁבִּתְפִלָּתוֹ וּתְחִנָּתוֹ וּבַקָּשָׁתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים, מִגֹּדֶל הַחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּל הַמְסַבֵּב אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אַף עַל פִּי כֵן, עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, **בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא.** כְּגוֹן לְמָשָׁל, שֶׁיֹּאמַר: 'ה' הוֹשִׁיעָה', בֶּאֱמֶת. **אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר בְּהִתְלַהֲבוּת וְהִתְעוֹרְרוּת כָּרָאוּי**, אַף עַל פִּי כֵן יֹאמַר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא. וְעַל יְדֵי הַדִּבּוּר הָאֱמֶת, יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים שֶׁבְּתוֹךְ הַחשֶׁךְ, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לָצֵאת מֵחשֶׁךְ לְאוֹר, וּלְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי, וְכַנַּ"ל.

[מז] עיין חיי מוהר"ן אות תקל"ח: אָמַר עַל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁקָּשֶׁה לָהֶם שֶׁיָּרִימוּ אֶת עַצְמָן לְהַנְהִיג בְּרַבָּנוּת וְהִתְנַשְּׂאוּת מֵחֲמַת **שֶׁהִכְנַסְתִּי בָּהֶם אֱמֶת הַרְבֵּה יוֹתֵר מִדַּי.**

[מח] עיין ליקוטי הלכות הל' תערובות ה"ה, אות ו': לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לַה' יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, שֶׁזֶּה מֻטָּל עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הָרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, **שֶׁכְּמוֹ שֶׁחִיּוּב עָלָיו לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ**, **כְּמוֹ כֵן הוּא חִיּוּב עָלָיו לְדַבֵּר עִם חֲבֵרָיו וּלְקָרְבָם אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ** וִיקַבְּלוּ דִּין מִן דִּין, כַּמְבֹאָר הַרְבֵּה בִּדְבָרָיו, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

היינט איז דא געשעפטן - די ראדיאס מיט די צייטונגען, מעשה'ס, עס איז דא פון וואס צו רעדן, אבער עס ווערט נישט נשלם די כוונה פון השם יתברך, דער אויבערשטער איז מסבב סיבות אז מען זאל זיך צונויף קומען - דער מענטש מיט דעם מענטש אז עס זאל ווערן דיבורים, און מען קומט זיך צונויף און עס ווערט גארנישט נגמר דער כוונה פון אויבן.

❖

[(חסר) - - די גמרא זאגט[מט], עס איז אראפגעפאלן א פיתקא פון אויבן: 'אמת'! אז מלמעלה איז מען מסכים צו אזעלכע תפילות, דער אויבערשטער וויל אזעלכע תפילות, דאס חשיבות איז נאר דאס. דער אמת! אמת! זיך שטעלן ביי א מידה פון אמת, דאס האט דער אויבערשטער ליב, דאס איז דאס חשיבות.]

❖ ❖ ❖

## די אהבה צווישן אונזערע לייט

פון זוהר הקדוש קומט אויס אז די חברייא האבן זיך אזוי ליב געהאט ביי רבי שמעון'ען אז עס איז א געוואלד!

רבי עקיבא האט געהאט צוועלף טויזנט תלמידים און זיי האבן נישט מאריך ימים געווען, ווייל עס איז נישט געווען די אהבה צווישן זיי. האט ער (רשב"י) געזאגט צו די תלמידים, 'אזוי ווי ביי זיי איז נישט געווען די אהבה האבן זיי נישט מאריך ימים געווען, זעהט אז עס זאל זיין צווישן אייך אהבה!' רבי שמעון האט געזאגט צו זיי[נ]: "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָיא מִלְּתָא" – אונזער זאך הענגט אָן אין אהבה.

---

[מט] עיין גמ' סנהדרין דף סד. (עיין רש"י שם).

[נ] זוהר נשא דף קכח.; עיין גם בליקוטי מוהר"ן סי' ס"א, אות ח': וְזֶה 'חֲדִי רַבִּי שִׁמְעוֹן וְאָמַר: 'ה' שָׁמַעְתִּי

**צוואנציג טויזנט תלמידים - און זיי זענען אלע נפטר געווארן אין א קליינע צייט! כאטש זיי זענען אלע געווען צדיקים און זיי זענען טאקע נפטר געווארן צדיקים, אבער דאס אז עס זאל ווערן א קיום העולם פון זיי, די וועלט זאל האבן א קיום דורך זיי, דאס קען נאר זיין אז עס איז דא אהבה, אז עס איז דא אהבה קען עס האבן א קיום[נא].**

**דער רבי האט א זאג געגעבן[נב]: "די וועלט קער זיך פארוואונדערן אויף די אהבה פון צווישן מיינע לייט!" - דער רבי האט געוואלט עס זאל זיין צווישן אונז אהבה, מען זאל זיך נישט שטויסן איינער דעם אנדערן[נג].**

**ברוך השם, איך בין דאך געווען דארט אין אומאן, איז געווען עפעס דאס ליבשאפט איינער פונעם אנדערן - מער ווי א ברודער!**

**איך געדענק דעם ערשטן ראש השנה מיינער, תרע"ה, א טאג פאר ראש השנה, עס איז אנגעקומען מענטשן, די אהבה וואס עס איז געווען צווישן די מענטשן, ממש**

---

שִׁמְעֲךָ יָרֵאתִי', תַּמָּן יָאוּת הֲוֵי לְמִדְחַל'. כִּי חֲבַקּוּק אָמַר נְבוּאָה זוֹ עַל רַבִּי עֲקִיבָא וַחֲבֵרָיו **שֶׁמֵּתוּ עַל יְדֵי שֶׁלֹּא הָיָה בָּהֶם אַהֲבָה** כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְבָמוֹת ס"ב:). כִּי הֵם הָיוּ בְּחִינַת גְּבוּרוֹת וְצִמְצוּמִים, וְלֹא נִכְלְלוּ יַחַד. וְלֹא נִמְתְּקוּ. **וְרַבִּי שִׁמְעוֹן וַחֲבֵרָיו שֶׁהָיוּ הַתִּקּוּן שֶׁלָּהֶם, עַל כֵּן אָמַר אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא, הַיְנוּ בְּחִינַת הָאַהֲבָה וּכְלָלוּת שֶׁנִּכְלָלִין יַחַד**, וְעַל יְדֵי זֶה הַהַמְתָּקָה וְהַתִּקּוּן כַּנַּ"ל. וּמִזֶּה בָּא בְּחִינַת חֲדִי רַבִּי שִׁמְעוֹן, הַיְנוּ בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה, שֶׁנַּעֲשָׂה עַל יְדֵי הַכְּלָלוּת וְהָאַהֲבָה, בְּחִינַת: 'אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח'.

[נא] וכמבואר היטב באריכות בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז אות נ"ד - עיין שם.

[נב] חיי מוהר"ן רצ"ב.

[נג] עיין חיי מוהר"ן אות רי"ח: בְּאוּמֶין קֹדֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן הָיָה מְסַפֵּר עִם אֲנָשִׁים שֶׁלּוֹ מֵעִנְיַן הִסְתַּלְּקוּתוֹ, שֶׁכְּבָר הוּא אֶצְלוֹ שָׁלֹשׁ שָׁנִים אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ כִּי מֵעֵת שֶׁבָּא עָלָיו הַחוֹלַאַת הוּא נֶחְשָׁב בְּעֵינָיו שֶׁכְּבָר נִסְתַּלֵּק מִן הָעוֹלָם, וְאָמַר שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה זְכוּת הוּא חַי בְּנֵס כָּל שָׁלֹשׁ שָׁנִים אֵלּוּ וְכוּ' אָז סִפְּרוּ אֲנָשָׁיו עִמּוֹ וְהָיוּ מִתְאַנְּחִים מְאֹד כִּי מַה נַּעֲשֶׂה וְעַל מִי יַעֲזֹב אוֹתָנוּ. וְהֵשִׁיב **רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים. וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ**. כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר לִי בְּוַדַּאי שֶׁיִּהְיֶה כִּרְצוֹנִי כַּאֲשֶׁר רָצִיתִי מִכְּבָר, כִּי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם גָּמַרְתִּי וְאֶגְמֹר כִּרְצוֹנִי בְּוַדַּאי [בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִּיפִירְט אִין וֶועל אוֹיס פִירְן]. וְאָמַר שֶׁכָּל מִי שֶׁיִּיגַע וְיִתְחַבֵּר לְאֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ בְּוַדַּאי יִהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, וְלֹא אִישׁ כָּשֵׁר בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיק גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁאֲנִי רוֹצֶה. וְעַיֵּן לְקַמָּן בְּעִנְיַן מַעֲלַת הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו.

עס איז נישט אויסצומאלן אין דער וועלט, ווי קומט עס צו צו א ברודער? ביי א ברודער איז עס גארנישט געווען!

ר' מרדכי סאקאלאווער, א איד א רב א למדן - די אהבה, דאס קושן זיך און דאס האלזן זיך, די ברכות מאכן (- שהחיינו)! איך בין נבהל ונשתומם געווארן - 'וואו זעהט מען אזא מין אהבה?!' אזא מין אהבה, דאס איז עפעס ממש אַן 'אהבה שבדעת' ווי דער רבי רעדט דארטן[נד], די אהבה איז גאר נישט מלובש אין קיין גשמיות, די אהבה איז נישט מלובש אין קיין הנאה גשמית, אזא אהבה געווען![נה]

ווען איך בין געווען דארטן אין פוילן האב איך געזעהן, עס איז געווען אסאך רבי'ס, דער גראדזיסקער רבי, דער פיאסעצנער רבי, דער קאזניצער רבי, אויך געווען חסידים, אבער 'די' אהבה? אזא מין אהבה אז עס זאל זיין ממש "וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ"? עפעס אזא ממש - - עס איז געווען איין הארץ!

דאס איז געווען פארנאכט - ביים אנקומען - א טאג פאר ערב ראש השנה, און ביינאכט האב איך שוין געזעהן א סליחות - אוי אוי א סליחות! ממש די ווענט האבן געוויינט! אה - סליחות, וואס איז דאס עפעס?!

נאכדעם האב איך געזעהן די צְדָקות וואס מען האט געגעבן זייער אסאך צדקה, געטיילט אַן א גבול, א זעקל געלט - אזוי געגעבן געלט, גארנישט געציילט, אזעלכע השגות האב איך נישט געזעהן - וואס איך האב געזעהן האב איך געזעהן! (תמהתי לעצמי:) 'רבונו של עולם, וואו זעהט מען די אהבה? וואו זעהט מען דעם דאווענען? וואו זעהט מען די צְדָקות?!'.

---

[נד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ג.

[נה] עיין פרפראות לחכמה על תורה ס"א, אות י"ד: **והחוש מעיד** שענין זה של הקיבוץ שמתקבצין כלל אנ"ש על ר"ה לאומין, זהו עיקר הכלליות וקשר האחדות של כל אנ"ש בקשר אחד, ורק בזה אנו מקיימין רצונו ז"ל להיות מחזיקים את עצמם כלל אנ"ש בקשר אחד באהבה ואחדות כנ"ל, ורק על ידי זה עיקר קיום הארת השארתו הקדושה לנצח, כאשר הבטיח ז"ל שענינו לא יופסק והאש שלו תוקד עד ימות המשיח כנ"ל.

וואס עס איז אפגעטוהן געווארן אַן ערב ראש השנה... א גאנצן טאג איז מען געוועז ביים רבי'ן אויפן ציון, דער "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ" וואס איז געוועז ביים רבי'ן אויפן ציון דעם טאג - עס איז א געוואלד, מען קען גארנישט ארויסרעדן וואס דארט האט זיך געטוהן אין דעם טאג פון ערב ראש השנה. נו, און דער ראש השנה, דאס דאווענען, מיט די סעודות.

דעם רבי'נס זאך איז געוועז טאקע דעמאלט, די אהבה איז געוועז געוואלדיג גרויס, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל איצטער אויך אזוי זיין.

דער רבי האט געזאגט טאקע: "די וועלט קער זיך פארוואונדערן אויף די אהבה וואס איז צווישן מיינע לייט!" דער בעל דבר וויל דאס נישט ליידן, וויל ער זיך ארייננכאפן און קאליע מאכן די אהבה.

רבי שמעון רופט אָן די תלמידים - יעדן איינעם מיטן ר', זיינע תלמידים - ר' יוסי, ר' יהודה, קיין איין תלמיד רופט ער נישט אָן דעם ר', נאר מיט א ר', זיינע תלמידים - ר', ער איז דער רבי זייערער, (געווענטליך) א תלמיד רופט מען אָן דעם ר'.

אזא מין אהבה איז געוועז צווישן זיי, רבי שמעון האט זיך עפעס אזוי ליב געהאט מיט זיי, כמה פעמים זאגט ער "יהי חלקי עמכם", דער רבי ווינטשט זיך ער זאל האבן א חלק מיט זיי דארטן... דערפאר טאקע דאס גרויסקייט פון דעם זוהר וואס זיי האבן געמאכט אזוי גוט איז ווייל עס איז געוועזן א געוואלדיגע אהבה צווישן זיי.

דאס דארף זיין ביי אונז אויך אזוי, דעם רבי'נס זאך איז געוועזן - עס זאל זיין א אהבה, אַן אהבה צווישן זיינע מענטשן! אויב מען האט עפעס איינער אויפן אנדערן זאל מען זיך קענען דורך רעדן.

אמאל אז איך דארף עפעס יענעם זאגן אווארט דארף איך פריער בעטן דעם אויבערשטן 'ווי אזוי זאל איך אים זאגן אז יענער זאל נישט מיינען אז איך מיין עפעס מחמת שנאה, נאר יענער זאל וויסן אז דאס איז נאר מחמת "תּוֹכַחַת מְגֻלָּה מֵאַהֲבָה

מְסֻתָּרֶת"[נו], ער זאל וויסן אז מחמת אהבה רעדט איך עס!' א גאנצער ענין איז דאס, איינגאנצן דער יסוד פון דעם רבי'נס זאך, מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם אנדערן, מען דארף זעהן אז אונזער זאך זאל זיין אזוי צונויף געשלאסן אז עס זאל נישט דארפן זיין קיין ויכוחים, עס זאל נישט דארפן זיין קיין דיעות משונות - עס זאל נישט דארפן זיין.

נו, דער בעל דבר לאקערט זייער, ער לאקערט אויפן רבי'נס זאך, ער ווייסט אז דעם רבי'נס זאך איז אַן אמת'ע זאך, עס קען צו פירן א אידן צום תכלית, עס קען צו פירן א אידן צו דעם וואס ער דארף אין דעם עולם, זיך אוועקשטעלן אויף א יסוד פון אמת. נאר וואס דען, דער עיקר איז דאך נאר עס זאל זיין אהבה, לאקערט ער מיט לשון הרע צו קאליע מאכן, קאליע מאכן, אבער אז מען ווייסט אז דאס איז דער כלי זיין, דארף מען זיך נישט לאזן, דארף מען זיך נישט לאזן.

❖

## מיט דעם כח פון זיך האלטן צוזאמען

רבי נתן ברענגט דאך אין א הלכה[נז]: המן האט געזאגט צו אחשורוש'ן[נח]: "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד", האט אסתר געוואוסט אז זיין יניקה איז נאר ווייל זיי זענען 'מפוזר ומפורד', האט אסתר געזאגט[נט]: "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים" - נעם זיי צוזאם; אזוי ווי זיין יניקה איז נאר פון 'מפוזר ומפורד', נעם זיי צונויף, זעה זיי זאלן זיין איינס!

אז ער ברענגט זיי אלס 'מפוזר ומפורד', איז דאס זיין יניקה, דאס איז זיין חיות, דארף מען זעהן עס זאל זיין "לך כנוס" - נעמט זיך צונויף, 'לך כנוס'.

---

[נו] משלי כז, ה.

[נז] ליקוטי הלכות הל' ציצית ה"ז, אות י"א.

[נח] אסתר ג, ח.

[נט] שם ד, טז.

דער רבי ברענגט דארטן[ס], משה רבינו האט געזאגט: "איך האב מורא 'שלא ישרפוני בהבל פיהם'" - "האלט זיך אָן בכסא כבודי". וואס איז 'כסא כבודי'? פון דארטן גייען ארויס אלע נשמות ישראל - זיי גייען ארויס פון דעם 'כסא הכבוד'.

האלט זיך אָן אין אלע נשמות ישראל, האב אהבה צו אלע נשמות ישראל, דארפסטו נישט מורא האבן פאר די מלאכים, זיי וועלן דיר גארנישט קענען טוהן - אט די עצה האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו'ן, 'האלט זיך אָן בכסא כבודי, דאס איז דער שורש פון אלע נשמות ישראל, דארפסטו נישט מורא האבן פאר זיי, וועלן זיי דיר גארנישט קענען טוהן[סא].

דער רבי זאגט דאך[סב], רב עמרם חסידא האט געזאגט צום מלאך: "אֲנָא בִּשְׂרָא וְאַנְתְּ אֵשׁ, וַאֲנָא עֲדִיפְנָא מִנָּךְ". "בשר"א", זאגט דער רבי, מאכט 'ש'שים ר'בוא ב'כרם א'חד'. איך האלט זיך אָן אין די שישים רבוא, איך האלט זיך אָן אין אלע אידן, דערפאר בין איך שטארקער פון דיר.

יענער קען זיצן אפילו אין שטוב ביי זיך און ער האט אַן אהבה צו אלע אידן! עס איז איינס פון די תרי"ג מצוות: "אהבת ישראל"! עס איז פון די תרי"ג מצוות, מען

---

[ס] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א'.

[סא] עיין ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהלקוחות ה"ה, אות מ': מְבֹאָר שֶׁעִקַּר קִיּוּם הָאָדָם וְתִקּוּנוֹ הַנִּצְחִי הוּא עַל יְדֵי שֶׁיֹּאחֵז עַצְמוֹ בְּכִסֵּא הַכָּבוֹד שֶׁהוּא שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וְכוּ' וְכוּ' וְכַנַּ"ל, וְעַל כֵּן בְּוַדַּאי צְרִיכִין לָזֶה שֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם גָּדוֹל עִם כָּל יִשְׂרָאֵל וְשֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם בֵּין כָּל אֶחָד לַחֲבֵרוֹ כְּדֵי שֶׁיִּתְקַשְּׁרוּ יַחַד בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם כָּל שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹתָם וְלֹא יִהְיֶה בֵּינֵיהֶם שׁוּם פֵּרוּד עַל יְדֵי אֵיזֶה שִׂנְאָה וּמַחֲלֹקֶת, חַס וְשָׁלוֹם, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְאַחֵז בְּשָׁרְשֵׁי נַפְשׁוֹתָם הַנִּכְלָלִים יַחַד עַל יְדֵי הָאַהֲבָה וְהַשָּׁלוֹם. גם עיין בקיצור ליקו"מ על התורה מש"ש בזה"ל: אָמַר הַמַּעֲתִיק: מִזֶּה נִרְאֶה, כִּי אֵין לְהַמַּלְאָכִים כֹּחַ לְהִלָּחֵם רַק עִם נְשָׁמָה אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, אֲבָל עִם כְּלָלִיּוּת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אֲשֶׁר כָּל הָעוֹלָם נִבְרָא בִּשְׁבִילָם כַּנּוֹדָע, אֵין לָהֶם כֹּחַ כְּלָל לְהִלָּחֵם.

[סב] שם בליקוטי מוהר"ן, אות ב': וְזֶהוּ שֶׁאָמַר רַב עַמְרָם חֲסִידָא אֶל הַמַּלְאָךְ (קִדּוּשִׁין פ"א): 'אֲנָא בִּשְׂרָא וְאַנְתְּ אֵשׁ, וַאֲנָא עֲדִיפְנָא מִנָּךְ'. בִּשְׂרָא רָאשֵׁי תֵבוֹת: שִׁשִּׁים רִבּוֹא בְּכָרֵס אֶחָד, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת שָׁרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת, שֶׁעַל יְדֵי זֶה יֵשׁ לוֹ כֹּחַ, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, בְּחִינַת: 'אֲנָא עֲדִיפְנָא מִנָּךְ' כַּנַּ"ל.

זאגט עס דארטן שבועות ביינאכט: "מצות אהבת ישראל" - א מצוה, ליב האבן אידן!

נו, ביים רבי'נס זאך - דער בעל דבר וויל נאר אז 'דער' זאל מיר נישט געפעלן, 'דער' זאל מיר נישט געפעלן, נאר וואס דען, מען דארף זעהן – עס איז פארהאן אמאל וואס איינער איז גורם דערצו, מען דארף זיך זייער היטן, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן!

❖ ❖ ❖

## ווּעמען נאַר איך אפ?!

דעם רבי'נס זאך זאל גיין מיט דעם אמת אזוי ווי דער רבי האט געוואלט, כאטש עס איז איצטער נישטא די מענטשן וואס זענען געווען אין רבי'נס צייטן, זיי זענען געווען געוואלדיגע עובדים - געוואלדיגע געוואלדיגע! נו אבער דער אמת פונעם רבי'ן ווערט נישט געביטן, דער וועג פונעם רבי'ן בייט זיך נישט! דאס איז דער וועג! דאס איז דער וועג! אזוי דארף עס גיין, אזוי קען מען קומען צום תכלית, דאס איז דער וועג! אז די אלע עצות וואס דער רבי גיט דיר איז שווער? רעד זיך דורך מיט א חבר!

אויב עס איז דיר טאקע שווער איז דא א שלחן ערוך אויך, אז א מענטש איז נישט געזונט איז דא אנדערע דינים פאר אים, אנדערע הלכות, אלץ שטייט אין דער תורה - אלעס; אבער, למשל, אז א מענטש איז נישט געזונט וועט ער ווען מאכן א הלכה פאר געזונטע מענטשן אויך?!... אז א מענטש איז נישט געזונט מעג ער דאך עסן אפילו יום כיפור אויך, וועט ער וועלן זאגן, 'אויב איך מוז עסן היינט - זאלן אלע אידן עסן היינט'? - וועט ער אזוי זאגן? פאר דיר איז די תורה 'אזוי' און פאר יענעם איז די תורה אנדערש.

דאס איז אויך דאס אייגענע, אינעם רבי'נס זאך איז נישטא קיין זאך וואס איך וועל זאגן, 'אז איך קען נישט וועל איך מאכן א שינוי אין דער עצם זאך' - דאס קען

איך נישט טוהן; דער עצם זאך איז אַן אמת, עס איז אַן אמת ברור וואס אזוי דארף עס זיין - דאס דארף אזוי זיין צו ברענגען דעם איד צום תכלית, צו איך קען יא צו איך קען נישט, בעט דעם אויבערשטן אסאך, אפשר מיינסטו אז דו קענסט נישט, אפשר קענסטו יא, אפשר מיינסטו, דו נאַרסט זיך.

מיט דעם וואס דער רבי האט אוועקגעשטעלט אז דער יסוד איז דער שלחן ערוך, איז נישטא קיין שום זאך וואס מען זאל קענען א טשעפע טוהן א סעיף פון שלחן ערוך, דו מעגסט דאווענען מיט דביקות - דער שלחן ערוך האט א זמן! דאס דביקות דיינער זאל נישט טשעפען קיין סעיף פון שלחן ערוך! אז דו מוזט טאקע, דו קענסט נישט, דו דארפסט האבן א הכנה פון דריי-פיר שעה? דו האסט א גרויסע נאכט, שטיי אויף ביינאכט, זיי דיר מכין צום דאווענען! אויב דו מוזט, דו קענסט נישט דאווענען, דו מוזט דאך האבן א הכנה פון דריי-פיר שעה פארן דאווענען, חסידים הראשונים האבן געהאט "שוהים שעה אחת"[סג], נו, איז דאך דא א נאכט פריער.

דער אר"י הקדוש ברענגט[סד], פון חצות אָן הויבט זיך שוין אָן די הארה פון תפילין, עס הויבט שוין אָן שיינען די הארה פון תפילין. מען קען נישט זאגן אז עס איז שוין דער זמן פון דאווענען וועל איך מאכן א הכנה דריי שעה ביז איך וועל אויסקומען נאכן זמן - דאס נישט! אויב דו מוזט האבן א הכנה האסטו א נאכט פריער - דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א נאכט פארן טאג.

ווען מען זאל וועלן קריגן אויפן רבי'נס זאך - וואספארא זאך האט דער רבי געטוהן וואס עס זאל זיין קשה אויפן רבי'ן? וואספארא זאך האט ער געטוהן? אוועקגעשטעלט 'דעם שולחן ערוך זאל מען נישט טשעפען', די נקודה פון 'חצות', און 'התבודדות' - אויך א דבר הידוע וואס אלע צדיקים האבן גערעדט דערפון, דער זוהר רופט זיי אָן 'מרא דחושבנא', זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, אפילו די ספרי מוסר רעדן אויך דערפון, עס ווערט אנגערופן 'התבוננות' 'התבודדות', וואספארא

---

[סג] משניות ברכות פ"ה, מ"א.

[סד] פרי עץ חיים תפילין פ"ז.

נייע זאך איז דא?! האבן ישוב הדעת פארן אויבערשטן דאס איז גארנישט קיין נייע זאך, אַן אלטע זאך איז דאס גאר![סה]

טאקע אזוי, ווייל דער בעל דבר ווייסט אז דער רבי'נס זאך איז א זאך וואס קען יעדן איינעם צו פירן צום תכלית, דערפאר טאקע לאזט ער דאס נישט צו, קריגט ער מיט לשון הרע, מיט רכילות. אויך דערפאר ווייל ער זעהט אז עס איז א געוואלדיגער אמת, דאס איז א געוואלדיגער אמת - מען לאזט זיך נישט נארן, ווען נארסטו?![סו]

א ווארט איז דא פון רבי שמואל קאמינקער: "איך ווייס נישט וואס הייסט 'נארן'; ווען נאַר איך אפ? אז איך נאַר אפ 'זיך' - בין איך דאך א משוגע'נער - ער נארט זיך אליין אפ, זיך אליין וועל איך אפנארן?! אז איך נאר אפ 'יענעם' - בין איך דאך א גנב; (אז איך נאר אָפּ) דעם 'אויבערשטן' - אים קען מען נישט נארן!".

- ער האט געמאכט א חשבון - וואס הייסט אפנארן, ווען נאַר איך? איך נאַר אפ 'זיך' - בין איך א משוגע'נער, איך נאר זיך אליין אפ, איך מאך א מסחר און איך וועל זיך אליין אפנארן, א שיינער סוחר...; איך נאר 'יענעם'? אז מען נארט אפ יענעם איז מען א גנב; דעם אויבערשטן - אים קען מען דאך נישט נארן! - איז וואס הייסט נארן?! - ר' שמואל קאמינקער'ס א ווארט.

מען זאל זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן: ווען נאר איך?! ווען נאר איך אפ?!

❖

[סה] עיין שיש"ק ח"א, אות רע"ח: מוהרנ"ת אמר: "אזוי 'ניט קשה' ווי אויף דעם רבי'ן איז נישט קשה - איז נאך אויף קיין שום צדיק נישט געווען; און אזוי פיל הסתרות און התנגדות ווי ס'איז דא אויף דעם רבי'ן - איז אויכעט ניט געווען!"

[סו] עיין בעלים לתרופה במכתב מיום ב' חיי שרצה תקצ"ה (בעת תחילת המחלוקת): **מַעֲשֶׂה כָּזֹאת לֹא הָיָה עֲדַיִן, שֶׁאֱמֶת נִגְלֶה כָּזֶה עִם הִתְגַּלּוּת חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה כָּאֵלֶּה יִהְיוּ נֶעְלָמִים וּמְבֻזִּים וּמֻשְׁלָכִים אַרְצָה כָּל כָּךְ, אֲבָל זֶהוּ בְּעַצְמוֹ הַתֵּרוּץ מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֱמֶת כָּזֶה וְחִדּוּשֵׁי חִדּוּשִׁים כָּאֵלֶּה עַל כֵּן מְבַזִּים וּמַסְתִּירִים כָּל כָּךְ,** אֲבָל דְּבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם, וְהָאֱמֶת עֵד לְעַצְמוֹ, וּמִי שֶׁהִתְחִיל יִגְמֹר.

# ״אַחֲרֵי הַדְּבָרִים ׳וְהָאֱמֶת׳ הָאֵלֶּה״

עס איז געווען אמאל א שמועס ביים רבי׳ן דארטן, א געוואלדיגע התעוררות געווען, דער רבי האט אלץ גערעדט אזעלכע דיבורים, האט זיך דער רבי אנגערופן[סז] - א פסוק איז דא אין ״דברי הימים״ וואס מען רעדט דארטן דאס גרויסקייט פון חזקיהו המלך: ״אַחֲרֵי הַדְּבָרִים ׳וְהָאֱמֶת׳ הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב״ - אזוי שטייט אין דברי הימים. מען רעדט ארום דארטן דאס גרויסקייט פון חזקיהו המלך - א געוואלד, א געוואלד, מען האט אים געוואלט מאכן פארן ׳מלך המשיח׳[סח].

״אחרי הדברים״ - דערוויל איז מען חולק אויפן רבי׳נס זאך. דער אמת פונעם רבי׳ן איז דאך געוואלדיג גרויס, אוועקשטעלן א זאך - נאר נישט דרייען קיין שום זאך פונעם שולחן ערוך - און אזא התנגדות?! נאר דאס איז גארנישט קיין קשיא, דאס איז דער תירוץ, דער רבי ברענגט דאך אראפ אין דער מעשה דארטן[סט], (דער ס״מ האט געטענה׳ט:) **״אז די נשמה וועט אראפ אויף דער וועלט, וואס האב איך שוין צו טוהן? וואס האב איך שוין צו טוהן?״ האט מען אים געענטפערט: ״די נשמה מוז אראפגיין, און דו גיב דיר אַן עצה!״**

- האט ער זיך אַן עצה געגעבן, ער האט געבראכט אַן אלטיטשקן, אַן איינגעבויגענעם, און ער האט געלאכט.

פלעגן זאגן אונזערע לייט: וואס איז געווען די עצה? מען זאל לאכן! אפלאכן, עה, עס איז משוגעים! אפלאכן - דאס איז זיין עצה!

---

[סז] עיין חיי מוהר״ן שצ״ז, וזל״ש: פַּעַם אַחַת סִפֵּר מֵעִנְיַן אֲמִתַּת מַעֲלָתוֹ הַמֻּפְלֶגֶת הַנּוֹרָאָה מְאֹד. בְּתוֹךְ דְּבָרָיו עָנָה וְאָמַר, אַחֲרֵי הַדְּבָרִים **וְהָאֱמֶת הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב**, פָּסוּק הוּא בְּדִבְרֵי הַיָּמִים ב׳ ל״ב שֶׁמְּסַפֵּר שָׁם מֵעֹצֶם צִדְקַת יְחִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, וְאַחַר כָּךְ מַתְחִיל הַמִּקְרָא אַחֲרֵי הַדְּבָרִים וְהָאֱמֶת הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב. **וְהָבֵן הַדְּבָרִים אֵיךְ מְבֹאָר הֵיטֵב בְּזֶה הַפָּסוּק שֶׁדַּיְקָא אַחַר גֹּדֶל אֲמִתַּת צִדְקָתוֹ שֶׁל יְחִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, בָּא עָלָיו סַנְחֵרִיב**, וְהָיָה לוֹ צַעַר גָּדוֹל מִמֶּנּוּ. וּמֵעַתָּה אֵין לִתְמֹהַּ עַל גֹּדֶל הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁיֵּשׁ עַל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים.

[סח] סנהדרין דף צד.

[סט] מעשה ז׳ מספה״ק סיפורי מעשיות ׳מהזביב ועכביש׳.

די נשמה מוז אראפ; נאר וואס דען, ער האט זיך אַן עצה געגעבן: 'ברענגען אַן אלטיטשקן', און 'לאכן' - די צוויי זאכן. 'אלט' האט דער רבי זייער פיינט געהאט[ע]. און 'אפלאכן דערפון' - עס איז גארנישט, דאס איז זיין עצה. שוין.

דער אויבערשטער זאל העלפן - ביי אונז זאל דאס נישט זיין קיין געלעכטער, יעדעס דיבור פונעם רבי'ן זאל זיין ביי אונז חשוב, עס זאל נישט זיין אלט! דער בעל דבר האט זיך אַן עצה געגעבן אז עס זאל זיין אלט - יעדעס דיבור פונעם רבי'ן זאל זיין ביי אונז ניי! עס קומט ביינאכט איידער מען לייגט זיך שלאפן זאל מען בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל מקיים זיין דעם רבי'נס עצה, אויפצושטיין דארטן אינעם עת רצון ווען מען דארף אויפשטיין, פאלגן דעם רבי'ן מיט 'דער' זאך און מיט 'דער' זאך, עס זאל זיין ביי מיר ניי, אינעם דאווענען - זיך צוהערן צום דאווענען, אזוי אין יעדע זאך, עס זאל זיין ניי, נישט אלט!

דער רבי האט געזאגט: "איך האב פיינט געהאט אַן אלטן למדן, אַן אלטן חסיד!" - דער רבי האט פיינט געהאט אלט! נאָר ניי!

א מענטש עסט שוין אזוי פיל יארן, אז ער פאסט איין טאג - אז עס קומט צום עסן איז עס שוין ביי אים ניי כאילו ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געגעסן... אזוי ניי. אינעם שלאף אויך אזוי, אז ער איז איין נאכט אויף דארטן 'שבועות', איז שוין ביי אים דער שלאף אזוי ווי ער איז נאך אין זיין לעבן נישט געשלאפן... דער גוף איז אזוי מורגל אין זיין זאך וואס אז מען נעמט ביי אים צו איין זמן, איז דאס שוין ביי אים ניי, אז מען נעמט ביי אים צו א טאג עסן, א נאכט שלאפן, איז דאס שוין ביי אים אזוי ניי, פריש. האט דער רבי געהאלטן, אזוי זאל זיין דאס אידישקייט ביי מיר, אזוי ניי ביי מיר, פריש ביי מיר, ניי!

[ע] עיין שיחות הר"ן אות נ"א: **"גַּם אֵין טוֹב לִהְיוֹת זָקֵן, הֵן חָסִיד זָקֵן, וְהֵן צַדִּיק זָקֵן, זָקֵן אֵין טוֹב, כִּי צָרִיךְ רַק לְהִתְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל בְּכָל עֵת מֵחָדָשׁ"**. ובעלים לתרופה מכתב שע"ג: "וְהָעִקָּר שֶׁתִּזָּהֲרוּ לְקַיֵּם מַה שֶּׁהִזְהִיר מְאֹד שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת זָקֵן, וְהֵרִים קוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ וְקָרָא בְּקוֹל גָּדוֹל וְאָמַר **"אַלְט טָאר מֶען נִיט זַיין"** וְכוּ', כַּנִּדְפַּס מִזֶּה קְצָת".

איין טאג וואס ער האט געפאסט, ער פאלט צו, ער קען שוין נישט – ווייל דער גוף איז ניי, דער גוף מאָנט, אז דער גוף ווערט הונגעריג - מאָנט ער, אז ער איז שלעפעריג - מאָנט ער שוין דעם שלאף, ער פאלט, ער קען שוין נישט רעדן, ער פאלט שוין צו צום שלאף - דער נפש מאָנט אויך אזוי!

❖

## 'מבכורות' - פון דאס ערשטע [גע]צייט[יגטע]...

עס ווערט געברענגט טאקע[עא], 'קין' האט געבראכט א מתנה, און 'הבל' האט געבראכט א מתנה. פון קין'ען האט דער אויבערשטער נישט געוואלט צונעמען זיין מתנה, און פון הבל'ן יא. הבל האט געבראכט "מִבְּכֹרוֹת צֹאנוֹ וּמֵחֶלְבֵהֶן". א בכור איז דאך 'דאס ערשטע' - דאס ערשטע 'צייט' האט ער אוועקגעגעבן פארן אויבערשטן, די בעסטע צייט - 'מבכורות צאנו'. קין האט אבער געבראכט 'מפסולת פשתן'. פסולת מיינט מען די לעצטע צייט, ווען מען איז שוין שלעפעריג, ביינאכט, מען גייט שוין שלאפן, דעמאלט האט ער אוועקגעגעבן די צייט פארן אויבערשטן (וכמו שכתוב: "וַיְהִי מִקֵּץ יָמִים וַיָּבֵא קַיִן מִפְּרִי הָאֲדָמָה מִנְחָה לַה'"). הבל האט אוועקגעגעבן די בעסטע צייט, 'מבכורות צאנו', דאס ערשטע!

זאגט דער אויבערשטער, 'מיר גיסטו אוועק ווען דו ביסט שוין שלעפעריג? ווען דו האלסט נאך אלעם גיסטו מיר אוועק?!'. דער אויבערשטער וויל אז עס זאל זיין ניי און פריש, יעדער איינער וויפיל ער קען, נאר גיב אים - ניי!

מיט די עצות פונעם רבי'ן קען מען טאקע זיין ניי, בעטן דעם אויבערשטן, בעטן דעם אויבערשטן.

א מענטש דאוונט אלע טאג דריי מאל א טאג די אייגענע שמונה עשרה, די אייגענע ברכות - עס דארף זיין ביי מיר ניי, איך בעט דעם אויבערשטן אויף 'דעת', איך בעט דעם אויבערשטן אויף 'תשובה' - די אייגענע דיבורים, עס זאל זיין ביי מיר

---

[עא] עיין בינה לעתים ח"א דרוש א' ליום ב' דראש השנה.

ניי, 'אתה חונן' –מיר פעלט דאך טאקע 'דעת', דער עיקר איז דער דעת, אז מען האט נישט דעם דעת האט מען דאך גארנישט, עס זאל זיין ביי מיר ניי, דעמאלט האט עס אַן אנדער חשיבות.

❖ ❖ ❖

## גיי אנטקעגן מיט אלע דיינע כוחות

דאס גרויסקייט פון חברים, און חברים נאר אויף צו רעדן פונעם תכלית; חברים אויף גאנצע מעשה'ס, רעדן נייעס דארטן, דאס איז גארנישט קיין חברים! חברים - "אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ"[עב], עס זאל זיין 'נדברו' - רעדן פון יראת ה', 'איש אל רעהו', דאס איז דער עיקר חברים; 'פון די דיבורים וואס א מענטש רעדט איינער מיטן אנדערן, ווערט אפגעשריבן א ספר - "וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו לְיִרְאֵי ה' וּלְחֹשְׁבֵי שְׁמוֹ", למעלה איז עס גאר א ספר.

אז א מענטש וועט קומען אהינצו וועט מען אים ווייזן 'דו האסט געמאכט א ספר' - ער האט קיינמאל נישט געמאכט קיין ספר - דו האסט גערעדט דיבורים פונעם תכלית מיט א חבר, איז אלץ געווארן פארשריבן, האסטו אויבן א ספר, א ספר! א "ספר זכרון לפניו ליראי ה'"!

וואס א מענטש קען זוכה זיין דערפון וואס ער רעדט נאר גוטע דיבורים איינער מיטן אנדערן, און די דיבורים וואס ער רעדט צום אויבערשטן - וואס ער מיינט אז ער רעדט און עס איז גארנישט, וועט ער זעהן וואספארא חשיבות עס האט למעלה זיינע דיבורים, און וואס ער רעדט איינער מיטן אנדערן דיבורים פונעם תכלית, וואספארא חשיבות עס האט למעלה[עג].

---

[עב] מלאכי ג, טז.

[עג] עיין חיי מוהר"ן שכ"ה: אָמַר לִי כְּשֶׁשְּׁאַלְתִּיו אִם אֲדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם, הֵשִׁיב לִי: **שְׁמוּס יָא**. שְׁאִלְתִּיו:

'מיר האבן ביי זיך אוצרות!' נאר וואס דען, "הערט אויף זיין ארעמע לייט, הויבט אָן ניצן מיט אייערע אוצרות!" - הויבט אָן ניצן מיט אייערע אוצרות!

'הערט אויף זיין ארעמע לייט'. איינער איז אַן ארעמאן, ער האט נישט, וואס קען ער טוהן?! אבער דו האסט דאך אוצרות, דו קענסט דאך לעבן א שיין לעבן! הער אויף זיין אַן ארעמאן! דו דארפסט לעבן א ארעם לעבן? הויב אָן ניצן מיט די אוצרות!

דאס זאגט מען צו אונז אויך, 'איר האט אוצרות!' דאס איז דאך א געוואלדיגע בושה, מען וועט דעם מענטשן פרעגן, 'וואס?' מען וועט אים ווייזן, 'קוק נאר וואספארא כוחות דו האסט געהאט!' וואס וועט ער זאגן? דער יצר הרע, דער יצר הרע? - זעה וואספארא כוחות דו האסט געהאט, דו האסט דיינע כוחות נישט אויסגעניצט, 'ער' ניצט מיט 'אלע' זיינע כוחות אנטקעגן דיר, און דו גייסט נישט אנטקעגן מיט 'דיינע' כוחות, אבער דו האסט דאך געוואלדיגע כוחות אנטקעגן אים, דו ביסט שטארקער פון אים, נאר וואס דען, נוץ אוים מיט דיינע כוחות.

דער רבי זאגט אינעם 'שיר' וואס דער רבי ברענגט פארן לקוטי מוהר"ן: 'דו זאלסט נישט זיין אזוי ווי א "פיל"'. א 'פיל' איז אַן עלעפאנט - א חיה וואס הרג'ט. קומט צו גיין דארטן אַן עכבר און גייט אריין אין דער נאז אריין און קריכט אים ארויף אין מח און הרג'עט אים - און ער ווייסט נישט פון זיין כח, אז ער גיט אים א שאקל מיט דער נאז פאלט ער דאך אראפ... אזא גרויסע חיה קען דאך נעמען א יתוש קטן און הרג'ענען, גייט ער אין נאז אריין און גייט ביזן מח און דארט הרג'עט ער אים אוועק און שוין.

---

**אִיךְ ווייס אָבֶּער נִיט וָואס יֶענֶעם גֵייט אָפּ. הֵשִׁיב לִי: דוּא דַארְפְּסְט נִיט וִויסְן. שְׁאלְתִּיו: וָואס הֶעלְף אִיךְ אִים? הֵשִׁיב: וָואס הָאט דָאס צוּ דִיר!** [כֵּן תְּדַבֵּר. שְׁאלְתִּיו אֲבָל אֵינִי יוֹדֵעַ מַה עוֹבֵר עָלָיו. הֵשִׁיב לִי, אֵינְךָ צָרִיךְ לָדַעַת. שְׁאלְתִּיו, מַה אֲנִי עוֹזֵר לוֹ. הֵשִׁיב, מַה זֶה נוֹגֵעַ אֵלֶיךָ] וְהֵבַנְתִּי כַּוָּנָתוֹ שֶׁרְצוֹנוֹ לוֹמַר **דוּא פוּעֶלְסְט יָא** [אַתָּה כֵּן פּוֹעֵל].

'זיי נישט אזוי ווי דער פיל און דער גמל וואס ווייסט נישט פון זיין כח' - 'ווייס פון דיין כח', עס גיט א קום א יצר הרע - רעד, רעד, קוק, טראכט! נוץ נאר אויס דיינע כוחות וואס דו האסט אין זיך!

אט דאס האט דער רבי אונז מודיע געווען, 'מען זאל זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן!' דאס איז דאך אזא מין סארט עצה, אזא מין סארט טייערע זאך, "אזוי ווי פאר אַן אמת'ן גוטן פריינד!" רעד דיך אויס פאר השי"ת, דערצייל אים 'כל לבו'.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

## המחותנים

מוהר"ר **חיים**
**ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו החתן החשוב
כמר משה למזל טוב

מוהר"ר **יצחק מנשה**
**שטיינפעלד** הי"ו
קרית יואל
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

מוהר"ר **אהרן הכהן שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בתו למזל טוב

מוהר"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בתו עם החתן החשוב
כמר מענדל הערש פאלקאוויטש נ"י למזל טוב

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק נחום אנשין
ב"ר משה נפתלי ע"ה
נלב"ע כ"ו אייר תשפ"ג

מרת נחמה
בת ר' נתן ע"ה
נלב"ע ד' תמוז תשפ"ב

מרת רוחמה שרה ע"ה
בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת פיגא רבקה
בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל
הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים